STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03902

# MESHOLIM

Arn Miednik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
די
גאלדענע
פאווע

אהרן מיעדניק

מ ש ל י ם

ערשטער באנד

די דאָזיקע צווייטע אויפלאַגע פון
ערשטן באַנד משלים איז געוואָרן
געדרוקט אין טויזנט עקזעמפּלאַרן
אויף פּאַפּיר SUPER OFFSET VII/1

ARN MIEDNIK - FABLES - 1er VOLUME

PRINTED IN FRANCE - IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS Xe
COPYRIGHT BY ARN MIEDNIK, 12, AVENUE SCRIBE, MEUDON (SEINE-&-OISE)

אהרן מיעדניק

# משלים

ערשטער באנד

פאריז 1952

אָפּרופן פון פּראָמינענטע קענערס נאָכן באַקומען די ערשטע אויפלאַגע פון דאָזיקן בוך משלים מאַכן נויטווענדיק פון מיין זייט געוויסע אויפקלערונגען אָדער רעכטפערטיקונגען. עס וועלן זיך זיכער נאָר געפינען אַנדערע וואָס וועלן מיר מאַכן פאָרוואורפן פאַר דעם צי פאַר יענעם און געפינען פאַרשידענע חסרונות — איך וועל פּרואוון כאַפּן די פיש פאַר די נעץ (אין אַ פאָרוואָרט צו אַ משלים־בוך איז ניט שלעכט צו ניצן אַ משל).

די אויסריידן, מיר צו געפינען אַ פאָרוואורף, זענען פאַרשידענע סאָרטן — איך ריזיקיר זיי דאָ אויסצורעכענען אַליין —; בכלל: די משלים־פאָרם צו „אַלט־בטלניש" און גלייכצייטיק צו „וועלטלעך־מאָדערן"; צו „נאַיוו" (דערמיט וואָס מען זעט אַרויס פאָרויס דעם נמשל — ווי דער פראַנצויז זאָגט: „געניייט מיט וויסן פאָדעם"); ניט גענוג „שטיינבאַרגיש",

„אַן גראַמען“, „ניט געגוג סימעטריש“, „געדראַשענע טע־מעס“ א״אַ.

ווייל איך פּרואוון אויפמערקזאַם מאַכן, אַז קודם דאָס מין שאַפֿן, וואָס מען רופט „משלים“, איז אַ ספּעציפֿיש יידישער אופן פון ליטעראַטור שוין פון לאַנג אָן; איך מיין, אַז אין דער משלים־וועלט, טראָץ זייערע עזאָפּס, קרילאָווס און לאַ־פאָנטענס, קומט אונדז דער אויבן־אָן סיי לויט דער עלטער און סיי לויט דער צאָל טעמעס — אָנהייבנדיק פון שלמה המלכן, די נביאים און ביז די אויסטייטשערס פון די הייליקע ספרים, מיט די משלי יעקב׳ס, נחלת צבי און משלי ישורון — שוין ניט רעדנדיק פון די מגידים און די מאָדערנע פּאַבוליסטן — אונדזער יידישקייט איז פול מיט משלים ווי אַ מילגרוים מיט קערן: אונדזערס אַ פֿאָלקסמענטש, אַ פּראָסטע יידענע ביים טייטש־חומש פאַרשטייט צום בעסטן בדרך המשל. פון מיין זייט פלעג איך זיך מחיה זיין ביי מיין מאַמענס און באָ־בעשים (האָבן זאָלן זיי אַ ליכטיקן גן־עדן!) אוצר משלים אפילו אין אַ פּראָסטן מחזור — וואָרעם קיין שום משל האָט ניט דעם טעם פון אַ יידישן משל, אין דער פּראָסטער יידישער אויסשפּראַך פון אַמאָליקן קרוין־פּוילן (האָט ניט קיין פּאַראיבל אויף מיר, ליטוואַקעס, גאַליציאַנער און אַנדערע רומענער־בעסאַראַבער...). דעריבער האָב איך געפּרואווט מיינע משלים וואָס ווייניקער צו „ליטעראַריזירן“, וואָס ווייניקער „אָנהענ־גען גראַמען“ און מאַכן זיי ניט פּורים־שפּילעריש און ניט בדחניש־טעאַטראַל.

(וואָס איך וואַרף פֿאַר דעם זשעניאַלן לאַ פאָנטען: זיינע מייסטער־משלים צווינגען, זיי צו דעקלאַמירן — אוממעגלעך זיי צו לעזן גוט־ברודעריש, געמיטלעך...).

„אַלטמאָדיש !“ — איך וויל דווקא זיך אַ טובֿל טאָן אין דער אַמאָליקער בטלנישקייט ! דער הייַנטיקער דור אונדזערער מיט זייַן פּראַקטישקייט און זייַן „קאָנקרעטן מאַטעריאַליזם“ דערגייט מיר שוין איבערן קאָפּ; ס'וואָלט גוט געווען, אַז די קינדער וואָס לערנען זיך יידיש, זאָלן פּרוּוון דערקענען דאָס אידעאַלע בטלנישקייט פֿון האָבן עפּעס אַזוינס, פֿאַר וואָס ס'זאָל זיך לוינען צו לעבן און וואָס אונדזערע עלטערן — טראָץ זייער אָרעמקייט און נויט — האָבן אַזוי טרײַ אָפּגעהיט דורכן אופֿן דענקען און דורך דער שפּראַך. וואָלט איך דעריבער געוואָלט זיך אָנטשעפּען אָן אַמאָליקן יידישקייט וואָס האָט טראָץ אַלע נעגאַטיווע זייטן געהאַט דאָך אַ פּאָזיטיוון חוש פֿאַר געזונטן יידישן קיום.

גייט דאָך אָבער די וועלט פֿאָרויס און אַז אַמאָליק חדר־ייִנגל איז דאָך ניט קיין הייַנטיקער גימנאַזיסט, און ס'אַמאָליקע יידישע לעבן איז דאָך פֿאָרט געווען צו פֿיל אָפּגעזונדערט. האָב איך געפּרוּווט אַרייַנברענגען אַ ביסל וועלטלעכן מאָדער־ניזם סיי אין געוויסע פֿאָרמען און סיי אין געוויסן אינהאַלט, ס'זאָל זיך שאַפֿן אַן אייַנהייטלעכס „אַלט־נייַ“. איך מיין, אַז דער כּוח פֿון אונדזער יידישן פֿאָלק — איך זאָג בפירוש פֿון יידישן פֿאָלק, דאָס הייסט פֿון יידן וואָס לעבן זיך אויס אויף יידיש — (איך קען ניט און וויל ניט קענען אַנדערע, אויב זיי פֿירן זיך שאָוויניסטיש) — איז אַזוי שטאַרק, אַז טראָץ אַלץ און אַלעמען וועט אין דער נייער געשאַפֿענער סיטואַציע, אין וועלכער עס איז אַרייַנגעשליידערט געוואָרן, זיך שאַפֿן אַ נייער אופֿן פֿון יידישקייט : פֿאַרבונדן מיטן אַמאָל וועט די נייַע קענגוואַרט בילדן נייַע אויסדרוק־פֿאָרמען —

עס וועט זיך אויפוועקן דער באַוואוסטזיין ביי דער יוגנט פון זייער שיינער אייגנאַרטיקייט, זיך אויפוועקן דער שטאָלץ פון זייער יידישן בייטראָג צו דער גרויסער פאַרשידנקייט פון דער וועלט און מען וועט דערזען, אַז ניט אַזוי לייכט גייט אונטער אַ טויזנט־יעריקע קולטור. דעמאָלט וועלן די נשמות פון אונדזערע אומגעקומענע עלטערן, שוועסטער און ברידער בלייבן רואיק — דאָס, פאַר וואָס זיי זענען אומגעקומען, איז ניט געבליבן אָן אַ סימן אויף דער וועלט. דער חוב פון יעדן ערלעכן ייד איז דאָס צו געדענקען.

האָט ניט קיין פאַראיבל, וואָס כ׳האָב זיך פּאַטעטיש פאַר־גאַלאָפּירט — צוריק צו דער זאַך.

האָב איך עס טאַקע געזוכט צו מאַכן אין מיינע זאַמלונגען פון משלים אַן אַמאַלגאַם פון פּשוטער יידישקייט און דאָס וואָס די משכילים אַ מאָל פלעגן רופן וועלטלעכקייט. דאָס בוך איז ניט געשאַפן געוואָרן סתם אַזוי — דער מחבר האָט כסדר אין זינען געהאַט יידישע קינדער — דאָס ערשטע טרעפּל פון דער נייער לייטער: אינהאַלט, ריטם, שפּראַך זענען צוגעפּאַסט ניט סתם אַזוי. עס איז געמאַכט, ווי דער פראַנצויז זאָגט: avec préméditation — באַרעכנטער־הייט — און אויב עפּעס טויג דאָ ניט, קומען אים שמיץ; אָבער עס האַלט נאָך ניט דערביי... ער האָט אָנגעגרייט אַרגו־מענטן זיך צו פאַרטיידיקן און אפילו אָנצוגרייפן: דער מחבר איז אַ פאַרשוין מיט ציין און נעגל, אָבער בטבע אַ „גאָלדן האַרץ“ און גרייט צו טאָן גוטס יעדן איינעם בכלל; אויב אָבער עס האַנדלט זיך וועגן דער טובה פון יידיש — דאָ איז ער גרייט אויף אַלעמען — אַזאַ שוואַכקייט ביי אים, רחמנא־לצלן...

נאָך אַ וואָרט וועגן גראַמען: „איינפאַכע און אָפּגעניצטע“ אָדער „גייע געקינצלטע“ — איך בין קעגן אויפגעצוואונגענעם גראַמען־פּרינציפּ. פון צייט צו צייט צובאַמקען מיט דער פּויק און דער מעשענער טאַץ — איז מהיכא תיתה; אָבער אויס־מעסטן אַ מאַרש מוזיק מיט בים־באַם, פּונקט אויפן טראַף — געפעלט עס מיר ניט. קומט עס אַליין אַ מאָל נאַטירלעכער־הייט — אין גוט; ווען ניט דאַרף מען ניט! מיר דאַכט זיך, אַז אין פּאָעזיע מוז זיך אָנזען אויף אַ מייל אַ צוגעהאָרעווע־טער גראַם.

וועגן דער נאַיווער אויפפאַסונג־ און דערציילונגסאַרט אָדער פון דעם שוין „באַקאַנטן“ נוסח פון משלים בכלל און מיינע בפרט — האַלט איך עס ניט פאַר קיין פעלער; אַלע פאָלקס־לידער באַהאַנדלען אין תוך גענומען די זעלבע טעמעס און עס מאַכט ניט; דער אופן פון זינגען איז אָפט וויכטיקער ווי ס׳געזונגענע. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן אין שייכות מיט דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. האָט עמעץ גיט געזאָגט, אַז אַלע טעאַטער־טעמעס זענען באַגרענעצט אין אַ צאָל פון אַן ערך 32 — און ווי מען זאָל זיך ניט דרייען, קומט מען שטענדיק אַרויף אויף אַ באַקאַנטער סיטואַציע? און דאָס גאַנצע לעבן איז דען ניט אַן אייביקע איבערחזרונג?

און אַציגד געגוג דרשות וועגן שטראָדל — זאָל מען דער־לאַנגען דעם שטראָדל גופה — דאָס מיין איך מיינע משלים. געניסט געזונטערהייט און זאָל אייך וואויל באַקומען!

# דער ווארעם אין כריין

ליגט אַ וואָרעם אינעם כריין
און טראַכט: „ווי זיס איז ס׳לעבן!
כ׳דאַנק דיר, גאָט! האָסט ס׳בעסטע מיר געגעבן!
קען נאָך בעסערס פון מיין וואוילטאָג זיין?"
און אים קומט באַלד אויפן זינען:
אַזאַ גליק ווי אים איז יעדן ניט באַשערט:
האָט ער ניט אַ מאָל פון עמעצן געהערט,
אַז אין האָניק לעבן נעבעך בינען?...

# דער איידעלער חזיר

א חזיר — דורך אַ צופאַל אין אַ גרויסער שטאָט פאַרטראָגן —
האָט אָפּגעלעבט דאָרט אַ פּאָר יאָר
ביי אַ קונצנמאַכער אין אַ צירק,
אויסגעלערנט זיך גרויסשטעטישע מאַניערן,
און אויסגעבערשטלט, אויסגעצוואָגן, צוגעפּוצט
קומט ער איין מאָל צריק אין דאָרף.
(ווייזט אויס, דעם עולם האָט דער חזיר זיך דערעסן
און מ׳האָט אים אָפּגעשיקט אַהיים.)
אַז אונדזער חזיר איז אַריין אין פּויערס הויף,
האָט ער דעליקאַט די נאָז פאַרריסן,
באַטראַכט די אַנדערע חזירים, זיין משפחה,
וואָס האָבן גאַנץ געשמאַק געכריוקעט און געשנאָרכט,
געוואַלגערט זיך אין בלאָטע און געזוכט אין מיסט פּרנסה.

„ווי קענט איר לעבן אין אַזאַ מין שמוץ
און פרעסן אַזאַ חזיריי ?
מיין גאָט, ס׳איז שרעקלעך
און ניט היגיעניש !
— האַ ? — טוט אים אַ פרעג אַ חזיר
(זיינס אַ פעטער, אויסגעפּאַשעט, מיט פאַרשמאַלצטע אויגן) —
וואָס שטייסטו ווי אַ גולם, בלייכער יונגערמאַן ?
נעם דיך צו דער אַרבעט לייטיש :
אָט איז אַ קופּע מיסט — דו גיב אַ זוך דערינען !
דערוואַרעם דיר די ביינער !
קום צו זיך און ווער אַ לייט !
— אַ קופּע מיסט ?
פע — עס שטינקט !
איך קען עס ניט פאַרטראָגן !“

און ער שטעלט זיך ביי דעם פּלויט און פאַסט...
אַ טאָג און צוויי און דריי.
פון תענית און פון עגמת-נפש ווערט ער דאַר און מאָגער.
דער באַלעבאָס — ער זעט דעם נייעם גאַסט:
„מסתמא עפּעס אַ חולאת —
ער קען נאָך פּגרן!"
ניט לאַנג געטראַכט —
און אונדזער פיינשמעקער איז באַלד געקוילעט.

ביסטו אַ חזיר — זיי אַ חזיר ווי מען דאַרף!

# דער פוקס אין הינערשטייג

א פוקס, נאָך לאַנגן נישטערן און זוכן,
האָט זיך אין הינערשטייג אַריינבאַקומען
און מיט אַ צוקערשמייכל אויפן פּיסקל
רופט ער אויפן קול, דאָך שטיל גענוג,
מען זאָל חלילה אים אין דרויסן ניט דערהערן:
„אַ גוט מאָרגן אייך, קאָקאָטקעס, הינער מיינע,
און דיר אויך, האָן, טענאָר פון הויף!
וואָס? איר זיצט נאָך אויבן דאָרט און דרימלט?
איר פעדערט זיך ניט אויפצונעמען, ווי עס פּאַסט,
מיך, אייער בעסטן פריינד, דעם ליבן גאַסט?
פונקט גיי איך דאָ פאַרביי און טראַכט:
אָט וועט מען זען, וואָס ס'טוט און מאַכט
די הינערשטייג מיט אַלע גוטע שכנים.
שוין אַזוי לאַנג מען זעט ניט קיינעם
און דערצו איז דאָך אַ יום-טוב היינט!..."

די הינער קענען פוקסנרייד
און ווייסן, ווי דאָס צאָלט זיך.
— „גוט יום־טוב ווינטשן!“ — ווי ער לאָזט זיך הערן
מיט זיין טאַרטוף־פּנימל דעם פרומען!
דאַכט זיך, מיט דיין בלויזן קומען
קען דער טאָג אַ תשעה־באב אונדז ווערן;
מיר קענען גוט די שטיק!...“
און באַלד
ווערט אין הינערשלאַק אַזאַ געוואַלד,
אַז דער הונט פאַרשטייט, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיק;
ער עפנט אויף אַן אויג,
טוט אַ ביל — נאָר איידער וואָס און ווען,
איז יענער אוים די צייט,
טראַכטנדיק מסתם, אַז הינער זענען שלעכט דערצויגן.

## די אויפגעקומענע קרא

א קראָ האָט זיך אַרויפגעאַרבעט גאַנץ נישקשה;
די לעצטע יאָרן האָט דער טויט קיין רגע ניט גערוט,
פּרנסה צוגעשטעלט מיט פולע הענט,
מתים און פּגרים צו דער זעט —
אונדזער קראָ האָט גאָר אַן אַנדער הויט באַקומען:
אויסגערוט און פעט —
זי שלעפּט זיך ניט אַרום מער דאַר און מאָגער
זוכן גאַנצע טעג אַ פוילן ביסן;
די נעסט איז אויפגעריכט און וואַרעם
און באַזאָרגט מיט אַל דאָס גוטס.
און ווי עס פּאַסט אַ דאַמע אין איר גראַד,
פּוצט זי זיך די נעגל, שנעבלט זיך קאָקעטיש —
זי איז ניט מער פאַרשוואַרצט.
אַ צרה איז נאָר מיטן קול:

טראַץ אַלע קאָמפּלימענטן פונעם פוקס
ווייסט זי, אַז עס איז ניט „דאָס“!
אָוונטצייט, פאַרזאַמלט אויף דיביימער,
הערט מען אָפּט דעם סאָלאָוויי —
אָט דאָס הייסט געקענט!
און זי? — רק מען שרייט און רק מען פּאָכעט:
„קראַ!“ און „קראַ!“ און „קראַ!“
„אַ חרפּה און אַ שאַנד
פאַר מיין באַשטאַנד!
איך — אַזאַ פיינע דאַמע! ס׳איז ניט ווי אַ מאָל —
היינט קען איך מיר דערלויבן בילדן מיין וואָקאַל!“ —
לאָזט זי זיך אַוועק אין פויגלשן קאָנסערוואַטאָריע.
„דאָ“ — זאָגט זי,
„ווערט געלערנט זינגען?
גרויסע קענערס, זאָגט מען, זענען דאָ ביי אייך
און ניט איין באַרימטער פויגל
האָט אייך צו פאַרדאַנקען זיין קאַריערע.
מוזיק איז מיין נשמה: איך בין אַ מעלאָמאַן!
איך בין אויך רייך — איך קען באַצאָלן!“ —

אַ רייכער תלמיד איז אַ פעטער ביסן!
פּראָפעסאָרן פונעם פאַך
טוען זיך אַ נעם צו אונדזער מאַליבראַן:
טעאָריע — דיקציע — און סאָלפעזש —
פּראַקטיק — גאַמעס — און קאָלאָראַטור...
צאַפּ וואַסער פון דער הוילער וואַנט!
פּרואוו היינט, פּרואוו מאָרגן,
גיי מיט איר געלאַסן אות באות,
ווייז איר נאָטן קליין און גרויס —
זי קרעכצט זיך, כאָרכלט און ווערט שיר דערוואָרגן:
מיט „קראַ" הייבט אַלץ זיך אָן,
מיט „קראַ" לאָזט אַלץ זיך אויס!
די פּראָפעסאָרן שוויצן: שלעכט!
און דאָ קומען שנעקעס פייגעלעך דאָרט ליאַדע
און זינגען אַ מחיה! — „עס קומט אוודאי
ניט פון שנאָבל, נאָר פון האַלדז!"
„אפשר מאַסאַזש? —
אפשר אולטראַ-וויאָלעט שטראַלן?" —
אַ טויטן באַנקעס!...

„אפשר לויזע אייער? —
אפשר וויסן קעז?“...
און אַן עקספּערט זאָגט: „ס'איז אומזיסט, מאַדאַם!
צו זינגען מוז מען האָבן איינס: אַ שטימע;
און עפּעס נאָך: טאַלאַנט...“
אונדזער קראָ ווערט אָנגעצונדן:
„דאָס איז אייער קונסט?
דאָס הייסט ביי אייך געלערנט זינגען?
שטימע נאַ דיר גאָר! טאַלאַנט! — און געלט איז ווייניק?
„שווינדלערס!“ — קלאַפּט זי מיט דער טיר,
פליט אַהיים און שעלט מיט טויטע קללות.

# דער שעפּס און די צוויי וועלף

צוויי רוצחים וועלף דערשנאַפּט האָבן אַ שעפּס
און אים אין טיפן וואַלד פאַרשלעפּט.
דאָ שאַרפט זיך איינער שוין די ציין,
וויל אים טאַקע באַלד דעם גאָרגל איבערבייסן —
דער צווייטער רופט:
„העי! שטיי נאָר, שטיי!
וואָס עפּעס דיר דעם כבוד?
איך האָב דאָך די סטאַדע אויסגעפּונען! —
— און ווער פאַרנאַרט אים אין אַ זייט?
— און ווער פאַרטריבן אַלע הינט
און דעם פּאַסטוך גוט צעביסן?“
אַהער, אַהין — עס גייט אַוועק אַ גאַנג מיט אַ מחלוקת.
„ווייסטו וואָס? — רופט זיך אָן איין וואָלף;
לאָמיר פרעגן ביי דעם שעפּס:
ווי ער וועט פּסקענען, וועט זיין געפּסקנט!“

דער שעפּס הערט נעבעךביידע אוים
און פון שרעק איז ער כמעט געשטאָרבן.
מיט אימה זיפצט ער אין דער שטיל:
„וואָס איז מיר די נפקא־מינא,
צי דער האָט רעכט, צי יענער רעכט —
מיר איז שלעכט!
איך וועל שוין פון דעם עסק סיי ווי סיי אַרוים אַ טויטער.
„דער אמת איז מיר טייער — רופט ער אוים, געטראַכט אַ ווײַלע;
איך ווייס מיר איינס:
אָן גערעכטיקייט איז ניט כדאי צו לעבן.
ווילט איר זיין געפּסקנט לויטן דין,
מוז איך וויסן אַקוראַט,
ווי אַזוי די זאַך איז פונקט דערגאַנגען.
פירט מיך צריק צו יענעם אָרט
און ווייזט מיר, ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט גענוי."

דער אויפּטו איז די וועלף געפעלן —
צו דער סטאַדע לויפן אַלע אינעם פעלד.
דאָ נעמט איין וואָלף באַווייזן, ווי אַזוי
ער האָט זיך פאַרגנבעט שטילערהייט,
און דער צווייטער קוקט אים נאָך,
ער זאָל חלילה גאָרניט איבערטרייבן.
אונדזער שעפּס איז ניט קיין נאַר,
און איידער וואָס און ווען,
איז ער אוים די צייט —
און הונגעריק, גענאַרט,
לאָזן ביידע וועלף פאַרשעמט זיך צריק אין וואַלד.

# די מויז זידלט דעם לייב

וואָס זע איך? חידוש! כ'הער און שטוין
און גלייב ניט מיינע חושים — ערנוואָרט!
דו, מויז, ביסט דאָך ניט נאַריש —
שטעלסטו זיך, אַ פּיצלס, אָט אַזוי אַוועק,
קליין, נעבעכדיק און שוואַך,
(וואָס אמת — ניט צו ווייט פון מויזנלאָך!)
און מיט חוצפּה (אויב שוין ניט אָן שרעק!)
זידלסטו דעם לייב!
מיט דער שטאָלצער גריווע אויפן קאָפּ
דרימלט יענער, זשמורעט מיט אַן אויג,
לעקט אַ לאַפּע, נעגלדיק און זיכער,
טוט ניט אַכטונג אויף דיין פּישטשענדיקער שפּראַך
און מסתמא טראַכט
פון לעמפּערט, וואָס צעריסן האָט ער אין דער לעצטער שלאַכט.

מיינסטו טאַקע איבערשרעקן אים, דעם האַר?
אָדער מאַכסטו סתם זיך בלויז צו נאַר?
— איך וויים, מיין טייערע, איך וויים:
דאָס זידלען מיינס האָט ניט די מינדסטע ווערט;
נאָר ווען דו קענסט מיין אָנזען צווישן מייז,
קוים האָבן זיי נאָר בלויז געהערט,
אַז איך מויז האָב אים דעם לייב געזידלט!"

# דעם מלכּם פערד
# און דעם שמאַטע־קלײַבערס שקאַפּע

צום שמאַטע-קלײבערס שקאַפּע
רופט זיך אָן דעם מלכּס פּערד:
„מאַך אַ וואַרע, שלעפּער! זע נאַר, ווער עס קומט!
קענסט נאָך ניט מײן יחוס?
זע נאָר עפּעס, ווי איך בין געפּוצט: אין גאָלד און זילבער!
היינט — די גאָלדענע קאַרעטע וואָס איך פיר!
די לײטשן — לעדער, פײן געהאָפטן!
און ערשט די בײטש פון פײנעם זײד!
די װײסע הענטשקעס פונעם קוטשער! —
רוק זיך, קבצן! דרך-ארץ!"
רוקט זיך אָפּ די אַלטע שקאַפּע —
און טראַכט:
„גיי האָב צו טאָן מיט יונגע שקצים!
אַ פערדישער בעל-גאווה!
וואָס איז דען די נפקא-מינא:

שלעפּן גאָלדענע קאַרעטעס
צי אַ וואָגן מיסטו?
זיין געשמיסן פון אַ בייטש מיט זייד,
צי פון אַ דאַרער רוט?
אַ פערד איז סיי ווי סיי אַ פערד,
אַ יאָך איז אַלע מאָל אַ יאָך!
אַז אָך און וויי צו אונדזער ביידנס מזל:
יונגערהייט אַ פּרינץ —
שפּעטער שלעפּסטו ווען ס'זאָל ניט זיין!
אין דער יאַטקע, אויפן קלאָץ
ענדיקט זיך די פערדישע קאַריערע —
מיינע פונקט ווי דיינע!"

# דער הענערשער געדאנק אין איי

א הענערשער געדאַנק ליגט אינעם געלכל פון אַן איי
און טרוימט:
„באַלד עפנט זיך מיין תפיסה.
גוט דערוואַרעמט,
אויסגעפּיקט — באַלד קום איך אויף דער וועלט;
כ׳טרייסל אוים די ביינדלעך
און נעם זיך וואַקסן אויף דער שנעל.
ווי לאַנג איז נייטיק דען זיך אויסצופּעדערן מיט אַלע פאַרבן?
שטאָלץ און אָפּגעגילדעט מיר דעם עק,
אַ רויטן גוידער מיט אַ רויטער קאַם,
אַ בלינצל מיטן אויג, אַ טרייסל מיט די פליגל —
און איך דערלאַנג אַ קריי — קוקעריקו!
עס שמט אין גאַנצן הויף!
הינער קומען אָן פון אַלע זייטן,
שאַרן זיך צו מיר; איך פּיק מיר קערן,
בין זיי אויך מכבד און עס גייט אַ גאַנג!

כ׳האָב דעם גרעסטן האַרעם...
נאָך מיין בלויזן בליק
ווערן אַלע די כפּרה;
כ׳בין דער האַר און איך באַפעל —
שאַנטעקלער איז חוזק קעגן מיר!"
אַזוי טראַכט
דער הענערשער געדאַנק אין איי.
פּלוצלינג — באַץ!
וואָס איז געשען?
עס פּלאַצט די וועלט!
מיט לייב און לעבן
פאַלט דאָס איי אין הייסער פוטער
און פרעגלט זיך אויף דער פאַטעלנע —
און דער חלום פונעם האָן
ווערט אין אַן איי־פרעגלעכץ פאַרוואַנדלט.

## דעם בעזעמס טרוים

א בעזעם האָט געחלומט זיך אַ טרוים,
אַז געוואָרן איז ער גאָר אַ פּאַלמעבוים:
שטאָלץ און שלאַנק,
צווישן פּאַלמען, לאָרבער און מימאָזן,
אייביק גרין,
מיט צווייגן-פעכערס אַלץ באַקרוינט —
און צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק,
אַז מעגלעך קענען זיין פון אַזאַ מין
מעטאַמאָרפאָזן
אין חלומות-לאַנד ווי איבעראַל —
געוואָרן איז דאָס אַלץ ביי אים נאָרמאַל;
ניט געדאַכט זיך, ניט געמיינט.
אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אינעם קערערס האַנט.
פאַרגעסן, אַז זיין פּאַלמע-פּראַכט איז נאָר אַ טרוים געווען,
האָט ער זיין בעזעם-ווירקלעכקייט דערזען
און געוויינט מיט בעזעם-טרערן:
„אַ בעזעם פון אַ פּאַלמע זאָל גאָר ווערן!“

# דער לאַ־עליכמדיקער חזיר

אוי ליבע פריינד! אוי ליבע פריינד! —
קרעכצט אַ חזיר;
איך בין פאַרביי! פאַרבראַכט
מישטיינס געזאָגט אַ נאַכט
אין סאָפען, דרייען זיך פון זייט אויף זייט!
איר האָט געהערט מיין כריוקען־זיפצן אין דער פינצטער?
דאָס שמאַלץ, צעגאָסן אינעם לייב,
האָט שוין באַלד דאָס האַרץ דערגרייכט!
אוי, טאַפּ איך אַ וואַנט,
קינדער מיינע! און עס דויערט שוין פון לאַנג.
כאָטש וואַלגער זיך אין בלאָטעס
(אַ רפואה ביי חזירים נאָך פון עלטער־באָבעס)
צי קיי עפּעס זיך צו דערכאַפּן —
עס העלפט ניט! — נאָר מען ליידט יסורים!
קוים מען שלעפּט די פיס...“
און אַ ציג איראָניש שאָקלט מיטן בערדל:
„תמיד איז עס שוין אַזוי:
חזירים פּעטע קרענקען נעבעך
און דאַרע ציגן גייען פון דער וועלט!“

## ביים שוחט

ליגן עופות נעבעך אויף דער ערד,
צעשויבערטע,
געקוילעטע,
געפליקטע,
און גייען אוים אין בלוט.
דער כאָרכלט —
רופט צו הילף מיט ווילדע קולות;
דער וואַרפט זיך אין דער גסיסה האַלב אַ טויטער
און יענער שעלט מיט טויטע קללות
סיי דעם שוחט מיטן פרומען פנים,
סיי דעם חלף מיטן שאַרפן גלאַנץ,
סיי די גאַנצע וועלט מיט איר געמיינעם יושר.
דערנעבן ליגט אַ הון און וויינט: „ניט אויסגעזועסן
דאָס געזינטל אייער! דאָ איז זומער —
אַלע מיסטן גראָיען מיט אַ האָב און גוטס;
ניט דערלעבט אַזאַ מין נחת."

„און דו? — וואָס קלאָגסטו נעבעך?
פרעגט אַן אינדיק
(שוין געפּענטעט, וואַרט און צאַפּלט);
אַזאַ הענדל גאָר אַ קינד!
באַוויינסט דיין לעבן, צי די יונגע הינדלעך,
די קאָקאָטקעס?
און אפשר גאָר,
וואָס ניט דערלעבט
אויסצולערנען זיך דעם רעכטן קריי?
— ניט דאָס באַוויינט עס —
רופט זיך אָן מיט לעצטע כוחות אַ ווייסער גאָנער;
אים דאַכט זיך,
אַז געשאָכטן האָט מען אים גאָר אָן אַ ברכה!“

# דער העכט און די מויז

**א** העכט — דער אייביק הונגעריקער פרעסער —
האָט אַ פרימאָרגן נעבן ברעג דערזען
אַ מויז וואָס איז געקומען טרינקען צו דעם טייך:
„אָט איז אַ מאכל, וואָס וועט ענדערן מיין מעניו!“
און פון זיין אַפּעטיט פאַרפירט
טוט ער גלייך אַ וואָרף זיך. מיט אַ בים
פּאַקט ער אונדזער מויז און פאַלט דאַן אויפן זאַמד.
יענע קוויטשעט, לאָזט אַ פּיצל פעל, אַנטלויפט,
מאַכט אַ געוואַלד:
„וואָס הייסט? אַזוינס, אַזעלעכס זאָל געשען? און וואו איז יושר?
וואו איז איינגעשטעלטע אָרדנונג?
האָט ווער אַזוינס געהערט?
אַ העכט זאָל נערן זיך מיט פיש זיינס גלייכן —
ריכטיק! — אָבער כאַפּן מייז?“
פון דער מויזס געוואַלדן ווערט אַ גאַנץ גערודער.
מען נעמט דעם העכט
און מען שלעפּט אים תיכף צום געריכט.

דער סינדיקאַט פֿון קעץ שטעלט זיך אַלס ציוויל־מאַנער.
דער לייב אַליין וויל פּרעזידירן,
פּראָקוראָר וועט זיין די שלאַנג.
זי צעוויקלט זיך אין אַרגומענטן —
קיינער קען ביי איר קיין חסד ניט געפֿינען.
דער פּאַרטיידיקער — דער פֿוקס, פֿאַרשטייט זיך —
איז פֿאָרויס מסכּים מיטן טריבונאַל;
ער בעט נאָר: מילדערן די שטראָף.
דער לייב באַטראַכט דעם העכט
און שאָקלט מיט זיין שטרענגער גריווע:
„וועלטן היינטיקע!" —
סוף כּל סוף ווערט פֿאָרגעליינט דער אורטייל:
„פֿאַר אַזאַ פֿאַרברעכן קומט
טויטשטראָף!" — און עס ווערט באַפֿוילן:
תּיכּף זאָל מען נעמען אים, דעם העכט,
און דערטרינקען אָן רחמנות!

האַלב פאַרחלשט שווייגט דער אָנגעקלאָגטער
און זיין אַדוואָקאַט פאַרנייגט זיך טיף:
„הויכער טריבונאַל,
דיין ווילן זאָל געשען!
כאָטש טרויעריק דער אורטייל — אָבער דאָך:
געזעץ מוז זיין געזעץ!"

דער עולם איז צופרידן
און דער העכט נימ ווייניקער פון זיי.

# מאַלפּעם

כאַכאַכאַ! — אַ מאַלפּע האָט צעלאַכט זיך;
מיין טייערע, ווי עקלדיק דו ביסט!
דיין פּרצוף! — נעם אַ שפּיגל און באַטראַכט זיך!
זע נאָר, ווי צעקרימט, ווי איינגעריסט!
מיין ערנוואָרט! איך וואָלט פון חרפּה זיך באַגראָבן,
ווען איך זאָל אַזאַ פּנים האָבן!" —
איר שכנטע, די מאַלפּע, האָט פאַרשעמט זיך.
אַ בער, וואָס האָרכט עס, נעמט זיך אָן פאַר איר:
„איידער זי, דיין שוועסטער, צו דעם שפּיגל נעמט זיך,
טו ליבערשט נאָר אַ קוק אַליין אויף דיר —
וועסטו כלעבן וויסן, אַ מערכה
צו חוזקן פון אייגענער משפּחה."

# דער וואלף ביי דער שטאל

פאַרגנבעט זיך אַ וואָלף ביז צו דער שטאַל
און דורך אַ לעכל פון אַ ברעט רופט ער זיך אָן:
„שעפּסל קרוין,
קום, מיין פריינד! איך וויל דיר עפּעס זאָגן!"
דער שעפּס פאַרוואונדערט טראַכט זיך:
„פון ווען אָן
פירן וועלף מיט שעפּסן אַ געשפּרעך? און מעשה פריינד גאָר?" —
נאָר אַזוי ווי ס'איז די שטאַל פאַרמאַכט — וואָס קען ער ריזיקירן?
„וואָס קענסטו מיר פאַרציילן,
„חבר" וואָלף?
דיינע רייד אונדז זענען שוין באַקאַנט פון לאַנג!
— ניין, פריינד! דו שטויסט זיך גאָרנישט אָן:
עס איז אַ נייע צייט — די אַלטע שינאה צווישן אונדז
איז שוין אַלטמאָדיש.

איז עס אונדזער שולד,
וואָס מ׳האָט אונדז וועלף געלערנט ממיתן און מאָרדן?
וואָס מ׳האָט פון קינדווייז אָן אונדז צוגעוואוינט צום רויען פלייש?
היינט האָט די ווּיסנשאַפט באַוויזן,
אַז פלייש איז גיפט פאַר אָרגאַניזמען.
מיר יונגע וועלף פאַרשטייען די נאַטור:
מיר זענען שוין וועגעטאַריאַנער!
אַ פיצל גראָז דערקוויקט דאָס האַרץ מיט וויטאַמינען!
און בלוט? — עס איבלט!
רעד מיר פון אַ קלאָרן קוואַל!
און בכלל:
וואָס איז עס פאַר אַ פלאַן צו מאָרדן?
איך און דו —
זענען מיר ניט אַלע דען גאָטס קינדער?

טויג עס דען

צו פירן טאָג און נאַכט מלחמה,
רייסן זיך ווי ליאַדע קעץ מיט מייז?
אָט קום איך טאַקע ברענגען דיר אַ גרוס
פון אונדזער וועלפישן סענאַט —
דו קום מיט אונדז!
מיר שרייבן אונטער אַ פּאַפּיר,
אַז אייביק איז אַ פרידן אָפּגעשלאָסן —
בלוט גענוג געגאָסן!
ניט אמת, ליבער פריינד?"
„אַ פּיצל גראָז"? —
„אַ קלאָרער קוואַל"? —
„ליבשאַפט"? —
„מער ניט מאָרדן"? —
אויפן שעפּסן־שׂכל לאָזט זיך עס ניט לייגן!

„די רייד דיינע, וואָס אמת, זענען פיין און גוט —
נאָר ווען זיי קומען פון אַ וואָלפן-פּיסק ווי דיינער,
קענען זיי קיין שעפּס ניט איבערצייגן!
מיר קענען שוין די חברשאַפט פון וועלף!“
און לאַזנדיק דעם נייעם פריינד,
טוט ער אַ וואונק צום הונט —
נאָר אונדזער וואָלף,
ניכטער נאָך אַ לאַנגן תענית,
איז באַלד אוים די צייט.

# דער פודל

**ווי** געפעלט אייך עפּעס היינט מיין טואַלעט?
מיין האַלטונג, קליידונג און די מאַניערן מיינע?" —
רופט זיך אָן אַ פודל פיין געשוירן,
מיט אַ רויטער שלייף פאַרבונדן אויפן האַלדז,
זיך שטעלנדיק אויף ביידע פיס פון הינטן
און פאַרזשמורענדיק די פייכטע שוואַרצע אויגן.
„וואָס זאָגט איר צו דעם פּיפּערנאָטער?
אַהער, חברים, טוט אַ קוק אויף אַ קאַטאָוועס,
ווי אַ כלב האָט זיך אויסגעסטראָיעט!
ווי געפעלט אייך דער פאַרשוין?"
קומען אָן חברים הינט פון יאַטקעס, פיין באַלעקט זיך,
פון הייף, פון פאַסטוכער, פון גאַס און דאָרף,
און שטעלן זיך אַרום באַטראַכטן נייגעריק דעם לץ:
דער עק ראַזירט, מיט אַ פּעמפּיק אויפן שפּיץ;
גלאַטיק ס'לייב, אַ גריווע ווי אַ לייבס,
און אויף יעדן פוס אַ רינג פון לאַנגע האָר —
אַ פודרירטער פראַנט — געקעמט און זויבער. —

און אַ מאָפּס אַן אַלטער מיט אַ בייזער טוט אַ ברום:
„גיי, קונצנמאַכער, אין דיין צירק!
גיי שלאָפן אויף דיין קישעלע פון סאַמעט,
לעקן ס׳טעצעלע מיט מילך! — אַ חרפּה!
האָסט דעם צלם הונט פֿאַרשעמט!
זיכער בין איך,
אַז בילן בילסטו אויך שוין מיט אַ מאָדנע קול
און ציין האָסטו מסתמא ווייכע שוין ווי פּוטער.
מיר שליסן אויס דיך פון דער הינטישער משפּחה!
גיי אין דיין סאַלאָן און מאַך שוין פּליטה!
דען זעענדיק אַזאַ פֿאַרשוין ווי דו,
גלוסט זיך בייסן!
ביסט אַ הונט פֿאַר מענטשן,
ניט אַ הונט פֿאַר הינט.
מאַך פּיס!“
און יענער איז אַוועק,
אַראָפּגעלאָזט דעם עק
און באַגלייט פון אַלע הינטס געלעכטער.

# דער חלום פון א בלום

שוועבט אַ זוים אויף פליגל פונעם ווינט
און טראַכט זיך:
„זאָל מיין נייע היים
מיר זיין די שוואַרצע ערד!
באַהיט מיך, גאָט, פון האַרטן פעלדז
און פון דער פייכטער שוים פון וואַסער!
איך טראָג פאַרבאָרגן אין מיין קליינטשיק לייב
דעם חלום פון אַ ווילדער בלום;
זי האָט אין וויטן פעלד געבליט,
פון קיינעם קיין מאָל ניט באַוואונדערט.
און זי איז שיין געווען! מיין גאָט!"
ער טרוימט: „אַ גאַנצן זומער
בליען זאָל איך, שיין ווי זי,
צווישן מענטשן דאָך!
וואָס קען אַ זומערפייגעלע, אַ בין מישטיינס געזאָגט
פאַרשטיין אין פראַכט פון בליען?"
און גאָט דערהערט די תפילה:

דער ווינט, געטריי, מיט לייכטע הענט
לייגט אים אויף אַ בייט אין גאָרטן,
דער זוים, דערפּילט די גוטע ערד,
נעמט תיכּף שפּראָצן; נערט זיך, וואָרצלט,
איילט זיך טאָג און נאַכט; די זון, דער רעגן העלפן צו —
און אַ פרימאָרגן איז דער טרוים דערפילט:
אַ בלום צעבליט זיך;
כאָטש דאָרפיש־פּראָסט —
זי שעמט זיך ניט צווישן רויזן.
גליק — און בלומענגליק דערצו —
געדויערט נאָר אַ ווײַלע:
דעם גערטנערס טאָכטער גייט פאַרביי,
באַמערקט זי גלייך און פליקט זי אָפּ.
איצט גוססט זי אין אַ וואַזאָן —
די פּרייז פון פּוסטער גאווה.

## דאס שעפעלע און זיין בעל־טובה

אָרעם שעפעלע!
ווען ניט מיין פלינקער אָרעם מיט דעם מעסער —
דער וואָלף וואָלט זיכער דיך געטויט!
אַ סימן פון זיין צאָן איז נאָנט שוין ביי דיין האַלדז,
דיין קלאָרע פעל מיט בלוט איז שוין געפלעקט.
די ווילדע חיה! ער וואָלט אפילו ניט געוואַרט,
זאָלסט האָבן די נשמה אויסגעהויכט:
לעבעדיקערהייט
וואָלט ער שטיקער פון דיין פלייש געריסן!
נאָר ווייזט אויס, אַז גאָט האָט ניט געוואָלט,
דער אכזר זאָל דיך שעפעלע פאַרציקן,
און מיך געפירט פונקט אין דעם וועג...
וואָס, שעפעלע, דו וויינסט?
— פון שאַרפע וועלפנציין נאָך רויערהייט געביסן,
צי מיט גרינס באַצירט אין בראָטנס אויף דיין טעלער —
מיין ביטער מזל איז צו ווערן אויפגעפרעסן סיי ווי סיי!"

# דאס זומער־פייגעלע

א זומערפייגעלע אין פעלד,
באַזוכנדיק אַ בלום, פון איר פאַרפום גערופן,
מיט אַ שמייכל פון אַ מבין רוט אַ ווײַלע
אויף אַ ווייסן, איידעלן פעטאַל,
עטעמט,
פילט אַ זים געטראַנק אין בלומענבעכער,
און ווי ס׳טרעפט להבדיל מיט אַ מענטש,
ווערט עס ווּיסנשאַפטלעך־קלוג געשטימט
(זומער־פייגעלעך, ווייזט אויס,
האָבן אויך מסתם אַן עץ־הדעת):
„לאָמיר נאָר באַטראַכטן זי, די בלום —
אַ שיין געוויקס!
ווי פיין געבויט און ווי האַרמאָניש!
יעדעס שטרייפעלע
איז פונקט די גרייס און פונקט די פאַרב!
און דאָס שטענגל —
גרין, עלאַסטיש, שטאַרק גענוג
אַ קרוין צו טראָגן אויפן קאָפּ!

און איצט די בלעטעלעך! די גרינע פּעכערס —
יעדעס צײנדל פּונקט די גרײַס!
אינטערעסאַנט! אינטערעסאַנט!
אַט וועל איך צײלן — וויפל זענען זײ?
אײנס און צוויי און דרײַ און פיר —
איך וואָלט געוועז אַ בעלן וויסן,
וואָס עס מאַכט זײ אַזוי גרין
און וואָס אַזױנס שאַפט זײער בשמים־ריח.
און דער פּאָלען — גאָלדנער שטויב —
ליגט דווקא דאָ,
וואו יעדע בין דאַרף דורכגיין!"
און אַזוי כסדר גייט אַוועק אַ זוכן און שטודירן.
„הער נאָר דאָרטן, חכם מײַנער! —
רופט פּלוצלינג אויף איר בלומען־לשון אוים די בלום;
ביסט שוין פאַרטיק דאָרטן מיט דײַן קאָפּ־מלאכה?
זע די זון:
עס איז שוין לאַנג נאָך מיטאָג!

האָסט פאַרגעסן, אַז דער טאָג
ווי דער פרילינג שטייט ניט?
נאָך אַ שעה, צי צוויי —
און אוים איז מיט דיין לעבן!
און איך אַליין לעב אויך ניט אייביק!
וואָס פאַרלירסטו צייט דאָרט, גולם?
זופּ פון בעכער! טרינק לחיים!
טו דיין חוב פון זומערפייגעלעך און אייל זיך!
טאָמער ווילסטו בעסער, אַז דער טויט
איידער אויף אַ בלום אין זיסן שיכרות
זאָל דיך טרעפן ערגעץ אין אַן אַקאַדעמיע
מיט אַן אויסגעהונגערט פּנים,
מיט אַ טיטל דאָקטאָר, אַ דיפּלאָם —
איז זאָל דיר וואויל באַקומען!
אָבער לאָז דאָס אָרט פאַר צווייטע:
מיר בלומען ווילן אויך געניסן פון אַ קוש!
איז עס ניט דו — וועט אַן אַנדערער דאָס זיין.
אייל זיך, אייל זיך — באַלד איז שפּעט!"

# דער קוגל־שאַרבן און די פּאַטעלנע

זיך חברן נאָר מיט זיינס גלייכן —
דאַרף מען דאָס דען מיט אַ משל נאָך באַווייזן?

אַ קוגל־שאַרבן, סתם אַן ערדן טעפּל,
האָט מיט... טרעפט אדרבא אויף קאַטאָוועס! —
מיט אַ פּאַטעלנע גאָר פון אייזן
געלעבט צוזאַמען!
גוטע שכנים,
אומעטום אין איינעם,
אויף דער פּאָליצע צי אויפן פּאָל:
אַ קנעפּל מיט אַ קנעפּל —
אַז מען שמועסט:
צוזאַמען אַלע מאָל!
דאָ געקושט זיך, דאָ געקריגט זיך אויפן קול,
דאָ געאַמפּערט זיך און דאָ געוויצלט.

מאַכט זיך איין מאָל אין אַ שמועס אויף אַ געלעכטער —
גאָר ניט אויסן! —
טוט די חברטע איר גוטן פריינד אַ שטויס;
ווייסט איר דאָך מסתם, וואָס פון אַזאַ מין וויץ קומט שוין אַרויס:
דער קוגל־שאַרבן — ווי אַ לײמענ׳ טאָפּ אַן עכטער —
פון דער אייזערנער פּאַטעלנע נאָר געשטויסן,
פּלאַצט ניט פון געלעכטער,
נאָר בלייבט ביי זיין דערשטוינטער שכנטע, זיין מלאך־המוות,
ליגן טויט, צעפּיצלט —
און יענע קען ביז היינט אפילו ניט פאַרשטיין,
אַז דער סוף פון אַזאַ פריינדשאַפט מוז אַזוי שוין זיין.

# דער עפּל און דער וואָרעם

דער וואָרעם — אַן אומשולדיק קינד —
האָט אַזוי רחמנותדיק געכליפּעט:
„כ׳בין הונגעריק!
און אַזוי קליין
אין גרויסן
קאַלטן דרויסן!“
האָט דער גוטער עפּל ס׳רויטע האַרץ צעעפנט:
„קום, מיין טייער ווערעמל! קום אין מיין לייב!“

ווערעם מאַכן שטענדיק פרומע תנועות,
רויטע עפּל זענען שטענדיק גוט —
און איר קענט דאָך שוין דעם סוף פון אָט דער מעשה.

# דאָס פּעקל און די שנור

אַ מחיה וואָלט געווען צו זיין אַ פּעקל אויף דער וועלט —
ווען ניט די שנור, וואָס צוימט.
איך ווער דערשטיקט!
אוי גאָטעניו, באַפריי מיך פונעם שטריקל!
ניט מעגלעך אויסצוהאַלטן!“
זיפצט דאָס פּעקל.
דערהערט גאָט די בקשה.
באַלד קומט אַ האַנט, אַ מעסער, צי אַ שער
און — אויס שטריק!
ניט געהאַלטן מער,
פאַלט דאָס פּעקל זיך פונאַנדער
און — אויס שטריק, אויס פּעקל!

## פונק און פייער־ווערק

א פייערשטערן
מיט העל צעגליטע שפריץ־קאַסקאַדן
— ווייס און גרין און רויט —
טוט אַ שאָס,
אַ בליאַסק —
און אַ פאַרשווינד.
אַ פונק
פאַלט רויכנדיק אַרונטער
און פאַרביי אַ קוימען, פּיפּקענדיק געמיטלעך,
צו דעם פייער אונטן טוט ער שטאָלץ אַ וואונק:
„געזען?
דו טו נאָר אַ באַמערק די וואונדערפּראַכט
וואָס באַרוישט די גאַנצע נאַכט!
פייערווערק —
אַ מבין עפּעס? מען דאַרף זיין אַ קענער!“
פּיפּקעט יענער:

„פייערווערק —
אַ בלענד דאָס אויג!
פרעג בחרם מיך, צו וואָס דאָס טויג!
אָט גלי איך מיר באַשיידן אינעם אייוועלע ביי אָרמע שכנים,
זוך ניט צו באַרימען זיך, פאַרבלענדן קיינעם,
וואַרעם מיט מיינס גלייכן אין אַ פייערל אָן וואונדער
און בין מחיה זיידעס, מאַמעס, קינדער.
לייגט מען אָפּט אַ שייטל האָלץ צו — אַ געשאַנק,
אפילו גוטע גרילן גרילצן צו אַ דאַנק —
איז דען ניט ליבער לעבן שטיל, באַשיידן?
— אַלטפּרענקיש פייערל מיינס, וואָס דו ביסט!
אונדז פייערווערק פאַרשטייט נאָר אַן אַרטיסט:
ליבער איז,
איין רגע נאָר אַ שטערן אונטער הימלען שוועבן,
איידער אויפן פּריפּעטשיק אפילו יאָרן לעבן!“

# דער פויגלשער נשמהס טרייסט

אויף יענער וועלט פאַרן בית־דין של מעלה
האָט אַ פויגלשע נשמה זיך געבעטן:
„גיב מיר, גאָט, מיין חלק גליק!
לאָז מיך, גאָט, נקמה נעמען
אָן דער פייל וואָס האָט מיין לייב צעלעכערט.
די וואָס איז שולדיק אין מיין טויט —
זאָל זי מיך ניט איבערלעבן!
— דיין ווילן זאָל געשען! — זאָגט גאָט כביכול.
באַלד ברענגט אַ מלאך ס׳שאַרפע שטיקל האָליץ
און די געפליגלטע נשמה ברעכט און וואַרפט עס אין גיהנום —
און דערווייל
זיצט דער יעגער אין זיין הויז
און עסט דעם פויגלס לייב געשמאַק אין אַ געבראָטנס...

## די שוים

די שוים אויף פּאַליעס אינעם שטורעם
רופט מיט שטאָלץ:
„לויפנדיקער זילבערפראַנדז — איך בין די קרוין פון ים!
וויגט זיך אונטער מיר די פליסיקייט כסדר,
און ווען מיט צאָרן טוט זי זיך אַ וואָרף אַקעגן פעלדז,
צעשפּריץ איך זיך אין אַלע זייטן,
פּרואוו די וואָלקנס גרייכן,
ווייס און לייכט.
ווער האָט עס מיך פאַרגלייכט
צום פאַרבלאָזן און גרינלעך־גראָען וואַסער?
וואָס איז עס דען אַקעגן מיר, אין וועמענס זוים
שפּילט דער זונענשיין אַ רעגנבויגן־טרוים,
אַ געזאַנג פון שיינקייט און פון גלאַנץ?
איך בין די פּראַכט פון אָקעאַן!
איך בין די הויפּטזאַך און דער עיקר!“
אָפּגעזאָגט — און גלייך פאַרשוואונדן,
פּונקט ווי ניט געווען.

# דער בעזעם און דאס מיסט

**א** בעזעם אַ באַלבאַטישער, פון יונגע ווייכע ריטער,
אַרומגעבונדן מיט אַ נייעם שטריק,
האָט אין אַ ווינקל חדר, אָן זיין שטעקן אָנגעלענט,
באַטראַכט מיט חוזק ס׳מיסט וואָס ער האָט מיט אַ ווײַלע צריק
צונויפגעקערט :
„מיסט" — טראַכט ער זיך; „מישטיינס געזאָגט,
וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט ?
וואַלגערט זיך און פּלאָנטערט צווישן אַלע טריט,
מאַכט אַ מושב אָן, אַ גאַנצע בלאָטע מיט אַ שטויב !
אַ חרפּה און אַ שאַנד ! — אָט טאַקע נאָך אַ נס,
וואָס איך בין דאָ און טרייב און וואַרף עס מיט התמדה.
שוין אויסגעזעען די וועלט וואָלט אָן אַ בעזעם ! —
וואָן אַרוים ! אַ מיסטקאַסטן איז אייער היים !"

דאָס מיסט, פֿאַרשעמט, באַגראָבט זיך אַזש פֿון חרפּה.
נאָר אַן אַלטע שמאַטע וואָס באַטראַכט דעם בעזעם, זיפֿצט:
„שטיי אין גרויסן! רודער! מאַך אַ לעבן! ביסט נאָך ניי —
און ווי לאַנג מיר זענען ניי, זענען מיר אויך חשוב.
וואַרט אַ ביסל: ווערסט באַלד אויסגעריבן,
ניצסט ניט מער — און ווי דאָס פּראָסטע מיסט
קומסטו פּונקט ווי מיר אין מיסטקאַסטן אַרונטער!“

# צווישן פלעשער

וואַש זיך כאַטש אַרום, דו אַלטער שלעפּער,
און וויש אָפּ דאָס שפּינוועבס מיטן שטויב.
זעט, מישטיינס געזאָגט, אַ פּנים פון אַ גאַסט!
דו וועסט דאָס ווייסע טישטעך דאָך פאַרריסן!" —
רופט זיך אָן אַ פיין געשליפענע קאַראַפע,
וואו אין רויטן גלאַנץ פון וויין
שפּיגלט זיך ביי יעדן ריר דער שיין,
און קוקט מיט חוזק דורכן ליכטיקן קרישטאַל
אויף דעם אַלטן גראָען שכן.
יענער שווייגט— וואָס זאָל ער נעבעך טאָן?
דאָ קומט דער באַלעבאָס און נעמט מיט לייכטע פינגער
די אַלטע פלאַש און לייגט זי אינעם קיישל,
עפנט זי פאַמעלעך און צעגיסט אין דינע גלעזער פרום דעם רויטן וויין.

און יעדער קוועלט, באַטראַכט, עטעמט איין דעם ריח.
דערפילנדיק דעם גוטן טעם אין מויל,
טשמאָטשקען אַלע געסט פון תענוג,
קוקן דאַנקבאַר אויף דער אַלטער פלאַש —
און קיינער רירט ניט די געשליפענע קאַראַפע.

ניט דאָס מלבוש איז דער עיקר.

# דער שטיין און די ציטרין

אַ וואַזשנע חכמה! שטייסט אין גרויסן,
נאַרישע ציטרין, מיט דיין ציטרינען־זאַפט!
דיך קוועטשט די האַנט — ממילא
קומט דערפון עפּעס אַרויס.
איך מיין,
ווען עמעץ וואָלט מיך פּראָסטן שטיין
אַזוי געקוועטשט — נו, וואָלט איך כ׳לעבן
זאַפט אוודאי אויך געגעבן!
— האַרטער קאָפּ! ניט ס׳קוועטשן שאַפט
דעם זאַפט.
דערמיט בין איך ציטרין געבענטשט
און דאָס איז אים באַקאַנט, דעם מענטש;
אַ שטיין — זיין האַנט
קען קוועטשן דיך ביז זיין דערוואָרגן
פון היינט ביז מאָרגן —
פון דיר וועט ער קיין טראָפּן ניט אפילו אַרויסבאַקומען,
אַחוץ דעם שוויים
פון דער אומזיסטער מי!״

# גערעכטיקייט פון שטארקע

א שאָף פון וואָלף געיאָגט
(אין אַ סכנה קענען שאָף דעריאָגן הירשן)
לויפט הענדעם-פענדעם ביז צום לייב:
„אדוני, האַר, רחמנות! ראַטעווע!
דער גזלן וויל מיין טויט!"
דער לייב
טוט אַ ברום: „ווער שפּעט פונעם געזעץ?
גערעכטיקייט מוז זיין!"
און מיט דער לאַפּע
טוט ער אַזאַ שלאָג דעם וואָלף, אַז יענער פאַלט אַ טויטער.
„גערעכטיקייט זאָל זיין! ווער האָט די העזה
אויסצוכאַפּן מיר אַזאַ מין גוטן ביסן?"
און צופרידן שלינגט ער איין די שאָף.

# אין דער שטייג

א לייב אין רויטן צירקוואַגן פון גראַטעס אייזן
האָט גאווהדיק געחוזקט און געלאַכט:
„זע נאָר דאָרט די מויז!
שיין זעט זי מיר אוים
מישטיינס געזאָגט!
געלאָזט זיך כאַפּן אין אַ קליאַטקע־שטייג.
זע נאָר, ווי זי לויפט אַרום דאָרט ווי משוגע! —
אוי, גולם מויז, ביסט טאַקע ניט קיין קלוגע:
ניט געהערט דעם שכל, נאָר דעם מאָגן —
האָסט זיך געלאָזט פאַרנאַרן פון אַ פּעטן ביסן!
נו ווערסטו איצט שוין וויסן,
ווי נאַריש ס׳איז דאָס זיצן אין אַ שטייגל,
ווי מייז געוועזן וואָלטן פייגל.
ווען נעמסטו טרילן אַ געזאַנג, קאַנאַריק מיינער?“

אַ שכנטע, אַ מאַלפּע, קען דאָס ניט פאַרטראָגן:
„שווייג שוין בעסער, שווייג!
נאָך אַ נס, וואָס ס׳הערט און זעט ניט קיינער.
וואָס קומסטו, חכם, דאָ באַווייזן?
מיט וואָס מישטיינס געזאָגט איז, לייב, דיין לאַגע בעסער?
דערמיט וואָס דו ביסט שטאַרקער
צי דיין שטייג איז גרעסער?
איר זענט גלייכע מחותנים:
אין שטייג אַ קליינטשיק מייזל צי אַ שטאָלצער לייב —
ביידע האָט איר נעבעך
נאָר איין נאַריש פּנים!“

# די שטאָלצע פּאַווע

אוּן אַז די יחסנטע, די פּאַווע, האָט דערזען
דעם הויף מיט אַלע הענער, הינער,
קאַטשקעס, אינדיקעס און גענדז,
וואו דער באַלעבאָס האָט זי אַריינגעפירט,
האָט זי מיט אַ ברוגז אייגל אַלץ און אַלעמען באַטראַכט,
גרויסאַרטיק צעשפּרייט דעם פעכער־עק
מיט אַלע זיינע בלאָ און גרינע פעדערן,
און אַוועק אַליין אין גאָרטן,
דאָרט וואו רויזן בליען.
בלויז איין אינדיק האָט זיך אָנגעדראָדלט
און באַליידיקט זיך צעהאָלדערט אויפן קול:
„ווי געפעלט אייך די פּרינצעסין?
זייד און סאַמעט גאָר, צו אַל די רוחות!“
אַלע עופות מיט התמדה
האָבן זיך גענומען צו דער שיסל
פּיקן, שלינגען, כאַפּן וואָס מען קען.
„לאָזט זי לויפן מיט איר יחוס!“ —

האָט די פּאַווע זיך אַ גאַנצן טאָג אָרומשפּאַצירט,
אויף יעדן בייט אַ ביסל זיך געפּוצט,
ביי יעדן וואַסער־שפּיגל זיך געסטראָיעט,
און אַז ס'איז געוואָרן שפּעט
און ס'פּאַסטן איז געוואָרן שווער,
האָט זי איינגעפּאַקט ס'עשירות
און אַוועק אין הינערהויף צוריק,
דערכאַפּן זיך דאָס הארץ —
נאָר די שיסל איז געווען ליידיק!
האָט די יחסנטע געמאַכט אַ שוויג
און אַוועק מיט מאַניקירטע פיסלעך
זוכן אינעם מיסט פּרנסה —
ביים איראָניש־פעטן בליק
פון חזירים איינגעריסטע.

# צוויי הינט

דעם פּריצס הונט, געצערטלט און געצוואָגן,
ווענדט זיך צו זיין שכן,
(אַ פּראָסטן כלב — איינגעריסט, קודלאַטע, שוואַרץ):
„ווער ביסטו דאָס, וואָס זאָלסט די גאַנצע הינטישע משפּחה
באַקלאָגן מיט איר וויסטן גורל?
דיר איז טאַקע שלעכט:
אין פּייכטן שטרוי,
פון רעגן אויסגעווייקט, איז דיין געלעגער;
ביי דער סטאַדע פון באַגינען אָן
און ביי נאַכט אַליין אויפן אויג,
מוזסטו דיין ביסן כשר דיר פאַרדינען,
דעם ביין, וואָס ווערט פון קאַרגע הענט דיר צוגעוואָרפן.
אָבער מיר! — וואָס פעלט מיר דען?
מיין בעטל איז פון זייד און סאַמעט,
יעדער גלעט מיין פעל מיט ליבשאַפט;
היינט — יעדעס מאכל!
וואָס ווערט דען ניט פאַר מיר פון פּריצס טיש דערלאַנגט?

און איצט די קייט! — דו ביסט עפּעס אַ מבין:
פון פיינסטן זילבער — מיט מיין נאָמען אויסגעקריצט!"
יענער זיפצט:
„אַז אַך און ווי אונדז ביידע!
אַ הונט ביים האַר, אַ הונט ביים קנעכט —
פון אייזן צי פון גאָלד — אַ קייט איז תמיד שלעכט!
מיינסטו,
אַז דער, וואָס הינט באַשאַפט,
איז אויסן נאַר, זיי זאָלן זיין פאַרשקלאַפט?
איז קיין מאָל ניט געקומען דיר אין זינען,
אַז פונקט ווי פויגל, פיש, צי חיה
קענען הינט אויך לעבן פרייע?"

# די קאַץ און דער טאָפּ מילך

אַ טאָפּ מיט מילך, ניט צוגעדעקט, אין קיך דערשנאַפּט —
אַ קאַץ צו אים פּאַמעלעך האָט זיך צוגעכאַפּט
און אויסניצנדיק דער באַלעבאָסטעס כראָפּן
אים אויסגעזשליאָקעט ביזן לעצטן טראָפּן.
לויפט אַ חברטע פאַרביי.
די נאַשערקע — זי נעמט באַרימען זיך, באַלעקן,
חוזקט נאָך פון יענערס פּוסטן מאָגן,
מיאַוקעט אויפן קול, מאַכט אָן אַ קאַצן־יאָמער, אַ געשריי.
פון גערודער נעמט זיך די באַלבאָסטע וועקן,
דערזעט די בראָך און כאַפּט אַ שטעקן —
די גנבטע לויפט הינקענדיק און קווויטשענדיק אַזוי אַוועק צעשלאָגן,
אַז זי וועט אַ צענטן שוין פאַרזאָגן:
אַז האָסטו וואו דערטאַפּט אַ גוטן ביסן,
מאַך אַ שווייג — זאָל מען דערפון ניט וויסן!

# די פּוטער און די מייז

חוה־לאה, סערצע־קרוין!
די מייז — זיי מאַכן פון דער פּוטער מיר אַ תל!
— נו, נעם אַריין אַ קאַץ, מיין טייערע, און שוין!"
די שכנטע — ניט לאַנג געטראַכט —
שליסט אַריין אַ קאַץ אין קעלער אויף דער נאַכט.
וואָס זשע, מיינט איר, איז געשען?
פּטור ווערט זי טאַקע פון די מייז —
און פון דער פּוטער אויך.

## דער טראמבע־באס

ביט איינעם בלויז דער פאַקט
פון שפּילן אין אָרקעסטער
אין שכנות מיט סאָליסטן,
פאַרדרייט עס אים אַזוי דעם קאָפּ,
אַז ער האַלט זיך שוין
ניט נאָר פאַר עפּעס רעכטס,
נאָר טאָקע פאַרן אייבערשטן פון שטייסל.
אַזוי האָט זיך דער טראָמבע־באַס באַרימט,
— און מיט אַ שטימע, וואָס האָט אַלעמען איבערגערעדט —
אַז לויט זיין גריים און זיין פאַרנעם
מוז מען אַנערקענען,
אַז אים קומט דער אויבן־אָן —
ער איז עס די הויפּטזאַך!
„וואָס? ניט אמת? קומט מיר ניט יחסנות
אין דער גאַנצער מאַכערייקע, דער קאַפּעליע מיין איך? —
פרעגט ער ביי דעם שטעקעלע פון דיריגענט;
זאָג כאָטש דו און מישפּט אומפּאַרטייאיש! —

— דו, טראָמבע־באַס, די הויפּטזאַך אין אָרקעסטער?
פאַר וואָס ניט טאַקע אויך די גרויסע קעסלפּויק?
דאָס גלאַנצן פון דיין מעש פאַרבלענדט די אויגן
און מען דאַרף אַן אייזערנע גבורה
סיי צו האַלטן דיך אין אָרעם,
סיי צו בלאָזן, ביז מען קריגט פון דיר אַרויס אַ טאָן.
דאָס מאַכט דיין ווערט נאָר אויף דער וואָג!
צום שפּילן דאַרף מען ניט די גרייס —
די פיינקייט איז גענוג.
אַ פידל, צי אַ פלייט — כאָטש פון דיר קלענער —
זיי קענען זיך דערלויבן שפּילן סאָלאָ,
און אַלע איבעריקע, איר גרויסע כלים, ווי איר זענט,
זענט פעיק בלויז זיי צו באַגלייטן
און צוצובאָמקען „באָם", ווען יענע מאַכן „בים"!"

## גאָטס באַשעפענישן
## קומען מאָנען גערעכטיקייט

אויסגערופן מיט אַ גאָלדנעם שופר
האָט אַ מלך:
„פאַרזאַמלען זאָלן זיך די אַלע
וואָס האָבן אויף מיין וועלט זיך צו באַקלאָגן,
אויסטענהן זיך פאַר גאָט!
און זעען זאָל מען ווער עס טראָגט די שולד
פאַר די זינד
וואָס ברענגען נעבעך די רשעים אין גיהנום!“
קומט דער גראָער וואָלף דער ערשטער:
„אויב איך בין דער סינאָנאָים פון מאָרד,
איז עס ניט די שולד פון שאָף?“ —
מיט איר שוואַכקייט ברענגט זי אים
(וואָס איז נעבעך גאָט אַליין נאָר די נשמה שולדיק)
יעדן טאָג צו אַנדערע רציחות:

ניט קיין שאַרפן צאָן אין מויל,
ניט קיין נאָגל,
ניט זי רייסט זיך אין געשלעג,
ניט זי שרייט אפילו,
מעקעט שוואַך און רייצט מיט קלאָרער אומשולד.
פיינע וועלף, וואָס בעטן נאָר איין זאַך:
ניט קומען זיי אין וועג!...
און דעריבער
בעט ער מישפּטן די שאָף צום טויט
פאַר פּראָוואָצירן נעבעך וועלף. —
דער לייב,
ער טוט אַ טרייסל מיט דער גריווע
און אַ בריל:

„וואָס זאָגט איר ניט דערצו?
איך האַר פון אַלע ברואים —
איז עס ניט קיין כבוד
ווערן אויפגעפרעסן פון מיין מאַיעסטעט אַליין?
און זיי, אומדאַנקבאַרע בהמות,
האָבן נאָך די העזה זיך צו קלאָגן!
ניט איין מאָל ווער איך מיד און מאַט
פון לויפן נאָך אַ פּראָסטער אַנטילאָפּע
אָדער נאָך אַ ווילדן אָקס! —
איך פאַרלאַנג,
אַז רייסן זאָלן חיות זיך די קעפּ
פאַרן כבוד מיר צו זיין אַ מאכל!" —
די קאַץ,
זי האָט אַ טענה צו די מייז:

בויערן זיך לעכער פונקט לויט זייער גריים!
ווי זאָל אַ קאַץ זיי דען אַרויסבאַקומען? —
דער ים־פויגל
וואָס נערט זיך בלויז מיט פיש,
מאָנט „חיב־מיתה" פאַרן טויכן זיך צו טיף. —
שלאַנגען סיקען:
„ניין! ניט אַלע שטאַרבן תיכף פונעם גיפט!
נו — איז רעכט אַזוי?" —
די פלוי אפילו
שפרינגט און טאַנצט:
„ביי דעם מינדסטן בים
נעמט דער הונט זיך קראַצן, בייסן, זוכן!" —
פוקסן מסרן די הינער פאַר באַהאַלטן זיך אין שטייגן...
און אַזוי כסדר, נאָך אַנאַנד:

שולדיק איז אין אַלץ דער קרבן!
יעדער רופט, שרייט, טענהט
מיט אַזעלכע קולות!... אַ מהומה! אַ יאַריד, אַזש טויב צו ווערן!
ווי געוויינלעך,
דער וואָס איז אַמייסטן שולדיק,
שרייט פון אַלע העכער —
און מען מאַכט אַזאַ געוואַלד,
אַז די שוואַכע שטימע פונעם קרבן
קען מען ניט דערהערן...
אומזיסט טרומייטערט טויזנט מאָל דער מלאך
מיט זיין גאָלדענעם טרומייטער,
רופט צו אָרדנונג:

„שטיל זאָל זיין! גאָט וויל דערגיין אַ טאָלק!“ —
פול דאָס טאָל מיט טומל און געשרייען!
טוט כביכול גאָט אַ וואונק צום טייוול:
„כ׳גיב דיר איבער! פּרעזידיר
דו, אשמדאי, דעם טריבונאַל פון הימל!“ —
און ער שליסט זיך איין אין בלאָע הייכן.

## דאס פערד
## וואס האט זיך פארשטעלט פאר א לייב

א פערד — מען קען ניט וויסן ווי אַזוי —
האָט, מיד פון שלעפּן פרעמדן יאָך,
זיך פאַר אַ לייב פאַרשטעלט:
אַ לייבנפעל אַרויפגעשלעפּט אויף זיך,
און אַזוי ווי פון געבוירן קען אַ פערד די קונץ
פון האַלטן שטאָלץ דעם קאָפּ
און שטעלן זיך, אַז מען דאַרף, דיבאָם,
האָט עס די ראָלע פון אַ לייב זיך אויסגעלערנט
און אַוועק — ניט אין דער וויסטעניש מיט טיגערן זיך מעסטן,
נאָר ערגעץ אין אַ היגן וואַלד
צווישן קרוליקעס און פוקסן (חיות היימישע
וואָס האָבן אָפּט פון לייב געהערט מיט מורא
און קיין מאָל ניט געזען נאָך אויף דער וואָר)
און אויסגערופן:

„שטיל זאָל זיין! איך בין דער האַר פון אַלע חיות!
אייער לעבן פון היינט אָן ליגט אין מיין האַנט!
זאָל קיינער זיך ניט וועגן טאָן אַ ריר אָן מיין באַפעל!
זאָל קיינער מער ניט וועגן טאָן אַ ריר זיך אָן מיין וויסן!
מיין טיש זאָל זיין באַזאָרגט מיט שפּייז!
מיין נאָרע — ריין און אויסגעבעט!
און שטיל זאָל זיין אין אָוונט, ווען איך דרימל!
שטום זאָל יעדער בלייבן, ווען איך רעד!
וועט עמעץ ווידערשפּעניקן נאָר מיט אַ בליק,
צעריסן ווערט ער באַלד פון מיינע נעגל!
איך מאַך פון אַלץ אַ תל! פאַרשטאַנען?
איצט גרייט מיר צו אַ מאָלצייט! —
— און וואָס פאַרלאַנגסטו, לייב, אדוני האַר?
— אַ זאַק מיט האָבער!"

האָט אַ פוקס דערשנאַפּט די גאַנצע מעשה
און מיט אַ שמייכל גלייך אַוועק צום וואָלף.
מיין פערד, דעם וואָלף דערשפּירט,
האָט לייבנשטאָליץ פאַרגעסן
און געמאַכט אַ פּליטה —
אַז קרוליקעס זיך האַלטן ביי די זייטן נאָך אפילו היינט,
ווען זיי דערמאָנען זיך די מעשה.

# די פּלייט

**די** פּלייט טראַכט:
„וואָלט איך אַט די הוילקייט
פון די לעכלעך ניט געהאַט,
וואָלט איך אַזוי אומזיסט אומנישט
מיין ניגון ניט פאַרלוירן.
— און וואָס וואָלסטו געטאָן
מיט דיין ניט-געשפּילטן ניגון?
ווי וואָלסטו נייע דען געשאַפן,
ווען די אַלטע שווייגן אין דיין האַלץ?
נאָך אַ נס,
וואָס דיין שפּילער פייפט אויף דיר
מיט דיין מיינונג!“

## דעם בעטלערס טוך

די פּעדעם אין אַן אָפּגעקראַכן טוך, אין רעגן אויסגעווייקט,
אויף דער פּלייצע פון אַ בעטלער
האָבן זיך צעווערטלט:
„איך בין אַ חלק פון אַ מלכּס מאַנטל
וואָס דער ווינט פאַרטראָגן האָט צום שפּינער דורך אַ צופאַל! —
— מיר קומט דער כּבֿוד! איך
בין פונעם פיינסטן וואָל געשפּונען! כ׳בין קלאָר געווען ווי שניי,
נאָר אייער שכנות האָט מיין לייב פאַרשלומפּערט! —
— מיך פון ווייטע לענדער האָבן שיפן דאָ אַהער געבראַכט! —
— און איך פּאָדעם זייד פון ווערעמלעך —
וואָס טו איך דאָ מיט די קבצנים?"
און יעדער רודערט, טענהט, קלאָגט זיך.

„שווייגט דאָרט! —
טוט דעם בעטלערס האַנט אַ קראַץ די פּלייצע;
וואָס גייט מיר אָן דאָרט אייער יחוס פון אַמאָל?
זעט בעסער דאָס וואָס איר זענט איצט:
אָן אָרעם מלבוש נעבעך פול מיט לעכער!
וועקט ניט, אָרעמע, אַמאָליקע זכרונות —
ניט עס מאַכט אַצינד אייך חשוב,
ניט עס קען מיך וואַרעמען אַ ביסל מער!"

# אן אויסטערלישע מעשה

וואָס אמת — זעט די מעשה אויס אומגלויבלעך;
אנערקענען מוז מען: עס געשעעט ניט אָפט;
נאָר אַ סברה, אַז עס קען זיך טרעפן.
דען איר זעט דאָך !...

אָט ווי ס'איז געשען :
אַ וואָלף האָט ערגעץ וואו דערטאַפּט אַ יונגן שעפּס
און געטראַכט אַזוי :
„וואָס מאַך איך מיט אַזאַ מין דאַרן ביין ?
אָט וועל איך אים מיר האַלטן אויף אַ שלעכטער צייט
און דערווייל אַ ביסעלע דערפּיטערן, דערפּאַשען;
וועל איך ערשטנס האָבן אַ רעזערוו
און צווייטנס אויך אַ פּעטן ביסן."
האָט ער אים פאַרשלעפּט אין מיטן וואַלד,
באַפוילן : קיינער זאָל ניט טשעפּען — דאָס איז זיינס !
און געלאָזט אים פריי, אַרום דער נאָרע,
דאָך שטענדיק אויפן אויג.
אַזוי געקיכלט און נשתומם בלויז אין אָנהייב
האָט דער שעפּס געלעבט צווישן וועלף.

צוגעזעען זייער וועלפיש פירונג,
זייער רצחענען און מאָרדן,
און אויסגעפונען,
אַז דער אופן לעבן — עס באַקומט זיי וואויל.
דער וואָלף —
ער האַלט אין איין באַטראַכטן
דאָס פעטע שטיקל פלייש, וואָס שטייט און מעלה-גרהט,
און טראַכט:
ווי גוט איז, אַז מען זאָרגט אויף שפּעטער!
קומען ווינטערטעג: אַנשטאָט צו טרעטן מיד און עלנט,
וועט ער ליגן אין דער נאָרע, לעבן זיך פון גרייטן!
און טראַכטנדיק אַזוי, כאַפּט ער אַ דרימל.
דער שעפּס — ער זעט, עס שלאָפט דער וואָלף,
קלערט ער גאָר ניט לאַנג
און, געניט פון וועלפישן ספּעקטאַקל,
טוט ער לייכט אַ שפּרונג און בייסט אים דורך דעם גאָרגל.
ווי אַזוי?
אויף קיין מעשה פרעגט מען ניט קיין קשיא!
און אפילו ווען ס'איז ניט אין גאַנצן אמת,
איז עס דאָך אַ שיינע מעשה.

# דאס שטיקל גלאז און דער בריליאַנט

א שטיקל גלאָז וואָס איז געלעגן
האַנט ביי האַנט
מיט אַ בריליאַנט
דער זון אַקעגן,
האָט מיט גאווה זיך באַרימט,
אַז לויטן שיינען קען מען זען באַשטימט,
ווער מענס גרעסער איז די ווערט.
„קליינער דימענט נעבעך! — זאָגט דאָס פּיצל גלאָז;
זאָרג ניט, וואָס דו גרייכסט ניט מיט דיין מאָס
מיין גרייס! פאַראַנען פונקען קליינע —
און זונען גאַנצע — זע: ווי איך למשל!“
און יעדער האָט געהערט
און געפּסקנט: „טאַקע ריכטיק! יעדן לויט זיין ווערט!“...
דער דימענט האָט געשוויגן — צו וואָס זיך קריגן?
און אַז דער טאָג איז נאָר פאַרגאַנגען,
האָט מען דערזען:
ס׳פּיצל גלאָז געבליבן איז פאַרטונקלט,
און דער בריליאַנט, כאָטש קליין,
האָט אַלץ מיט שיין געפינקלט.

# דער עפּלבוים

גוטער עפּלבוים, מיין פריינד,
גיב מיר צו פאַרשטיין, דערקלער,
זאָג: ווי אַזוי מיט אַזאַ איינפאַכקייט יאָר איין יאָר אויס
שאַפסטו נאָך אַנאַנד אַזעלכע גוטע עפּל,
חנעוודיק אין רונדער פאָרם
מיט גאָלדיק־רויטע בעקלעך,
זאַפטיק און אַזוי באַטעמט?
כאָטש ס׳שטייעןביימער נעבן דיר
געוואָרצלט אין דער זעלבער ערד,
פון זעלבן ווינט געקושט,
פון זעלבן טוי געפרישט —
דיר נאָר איז דאָס בלויז באַשערט
אַזעלכע פירות צו באַקומען,
דעם אויג אַ פרייד, אַ נחת פאַרן גומען!
— מיין טייער קינד, ווי דו אַליין
קען איך ניט און זוך ניט צו פאַרשטיין;
איך ווייס נאָר איינס:
כ׳בין אַן עפּלבוים באַשאַפן, איך טו מיין פליכט —
און גוטע עפּל קומען שוין אַליין!״

# ערב יום־כיפור

רבותי! — רופט זיך אָן א ווייסער האָן ערב יום־כיפור;
מיר ווילן מער ניט ווערן די כפרה אָט פאַר אַבי וועמען!
אויב יאָ שוין פאַלן אַ קרבן — איז כאָטש פאַר עפּעס רעכטס!
אַ ליאַדע גאָרניט, פּוסט־און־פּאַסניק, אַ הולטיי
קויפט אָפּ זיך אַלע זינד מיט אונדז!
אַז יאָ שוין די כפרה,
איז כאָטשבי פאַר אַ ייד אַ למדן!
בכן, רבותי, מאַכן מיר אַ סטרייק:
מיר ווילן זאָגן אונדזער דעה,
ניט קוקן תמעוואַטע אין בני־אדם!
מיר ווילן קענען ווילן דעם,
פאַר וועמען אונדז איז ליב צו ווערן די כפרה!"

איז אַוועק אַ מעשה מיט דיסקוסיעס,
אויסרופן, מחלוקת, רעדעס, אַמפּערייען,
מיט אַ זידלערייַ אויף טיש און בענק.
נאָר איין אַלטער אינדיק איז גֶעזעסן אָנגעדראָדלט
און טרויעריק געגוידערט מיטן קאָפּ:
„וואָס איז די נפקא-מינא ?
אַ כפּרה דעם, צי אַ כפּרה יענעם —
אונדזער סוף סיי ווי איז אין דער יויך!“

# דער דעמב און זיינע שכנים

שטייען ביימער אינעם וואַלד
און פירן זיך אַ גרינעם שמועס.
רופט איינער רוישנדיק זיך אָן:
„ווינטער... !
ס'פרירט מיר אין די אָדערן דאָס בלוט,
ווען איך טראַכט פון שניי און פרעסט.
ניט בחינם זעט איר פאַלן מיינע בלעטער.
— דו ביסט ווי איך,
רופט אוים אַ צווייטער;
מיר פאַרלירן גרינע האָר פון זאָרג.
אָט בין איך דאַר און מאָגער:
טאָג און נאַכט
ס'קלינגט אין מיינע אויערן אַ האַק,
ס'גרילצט אַ ווייטע זעג —
קען מען וויסן, וואָס איז עמעצן באַשערט?

— טאַקע! זאָגט אַ דריטער; — אָט אַ נייע צרה:
אַ חולאת אַריינגעכאַפּט זיך אין מיין קאָרע
און פּרעסט מיט טויזנט ווערעמדיקע פיסקלעך מיר די הויט.
אוי גאָט אין הימל! —
און דו, שכן דעמב,
וואָס טראַכסטו עפּעס? אַ מחיה,
ווען מען קוקט דיך אָן: געזונט און שטאַרק,
מיט צווייגן אַ פּאַרנעם קיין איינעהאָרע!
וואָס קלערסטו?
— וואָס איך קלער? איך קלער מיר גאָרניט
און דערפאַר בין איך געזונט!"

# דער פיש און דער פויגל

איך ווייס ניט אַקוראַט, ווי ס׳איז געשען —
נאָר ווי די מעשה זאָל ניט זיין,
די זאַך האָט זיך אַזוי פאַרלאָפן:
אַ פיש האָט מיט אַ פויגל זיך געטראָפן
און האָבן זיך צעטענהט, יעדער לויט זיין נוסח.
יעדער רימט זיך.
„דו ביסט אַ מבין אויף מיין קלאָרן הימל? —
רופט זיך אָן דער פויגל;
די קנוילן זילבער־וואָלקנס
וואָס קאָלערן זיך איינער אינעם צווייטן!
די זון וואָס שיינט — דאָ ריין ווי גאָלד
און דאָ ווי פייערפלאַם
אויף בערג און טאָל וואָס ענדערן זיך אַלע מאָל:
דאָ אויסגעצירט אין גרינס און בלומען,
דאָ איינגעהילט אין ווייסן שניי!

ווילסטו — זיצסטו דיר אין נעסט,
און ווילסטו — אויף אַ צווייג,
צי טוסטו אַ פלי אַוועק דיר וואו די אויגן טראָגן,
ווי דער פרייער ווינט!"
— וואָס אמת — זאָגט דער פיש;
מיין וועלט איז אָפּגעגרענעצט
און ווייטער פונעם ברעג איז מיר ניט לייכט צו קומען.
ביי מיר איז אָבער אויך ניט שלעכט:
דער טאָג —
ער שיינט אין וואַסערם פליסיקן קרישטאָל
ווי דורך אַ גרין געשליפן גלאָז.
און קיל איז — אַ מחיה!
אונטן, אויפן גרונט,
וואַקסן וואונדערלעכע פלאַנצן וואָס קיין פויגל
האָט אַזוינס נאָך זיכער ניט געזען!

און די סירענעס,
ווען זיי נעמען זיך צונויף אין האַלבער נאַכט
ביים שיין פון דער לבנה זינגען זייער ליד,
איז ניט נאָר דו, אַ פויגל,
נאָר דער מענטש אפילו,
וועלכער האַלט זיך פאַר אַ חכם,
לאָזט זיך לייכט פאַרכישופן
און קומט צו אונדז אַרונטער."
אַזוי רימען זיי זיך ביידע — טראַכטנדיק דערביי:
„דאָס וואָס איך זאָג, איז טאַקע אמת —
אָבער כ׳האָב עס אַלע טאָג.
כ׳וואָלט גערן אויף אַ צייט
געפּרואווט אַ לעב טון ווי מיין שכן."
ניט געטראַכט,

טוט דער פיש אַ וואָרף זיך אויפן ברעג,
און דער פויגל טוט אַ טויך אַרונטער זיך אין וואַסער.
וואָס ווייטער איז געשען,
איז פשוט צו פאַרשטיין:
עס האָט ניט לאַנג געדויערט —
און איינער האַלב דערשטיקט,
דער צווייטער האַלב דערוואָרגן
בלייבן טויט, אָן לשון.
זיי האָבן דורך אַ נס געפונען זייער היים
און שוין פאַרזאָגט אַ צווייטן,
ניט לאָזן זיך אין פרעמדע וועלטן!

עס איז אַזוי מסתם באַשטימט פאָרויס:
באַשאַפן פאַר זיין סביבה יעדער איז, ווייזט אויס.

# דער מױלװאָרף

**א** מױלװאָרף האָט זיך אָנגעהערט אַזױ פיל
װעגן טאָג און זון, פון ליכט און בלאָען הימל!
אין דער ערד װאו ער פאַרברענגט זײן לעבן,
זעט ער ניט, װי אַלץ װאָס ליגט פאַרבאָרגן,
װײל נאָר אַרױס?
דער קװאַל
װאָס נישטערט, זוכט אַ װעג;
דער מינדסטער קערן,
װי ער רײסט זיך נאָר אַרױסצושפּראָצן.
„װאָס האָט עס פאַר אַ טעם,
װאָס איז עס פאַר אַ תענוג
אױבן דאָרטן זײער „דרױסן"?
אָט לאָמיר פּרואװן זען!"
טראַכט זיך אונדזער תושב פון דער אונטערװעלט.
און אַ פרימאָרגן כאַפּט ער זיך,
צוזאַמען מיט אַ קופּע פרישע ערד,
אַרױס אין פעלד.

ער שטייט אַ ווײַלע, קוקט אַהין, אַהער,
שמעקט דעם פרישן ווינט און האָרכט פון אַלע זייטן:
ס'זשומט און ברומט און זינגט און טשוויטשערט —
עפּעס רוישט אַ יום־טוב אומעטום.
אונדזער מוילוואָרף זוכט און נישטערט, וואַרט און טראַכט:
„וואָס איז דער מער מיט זייער ליכטיקייט, מיט זייער טאָג?
קיין פּרנסה וועט דערפון ניט זיין.
אַ חוזק! — כלעבן, ברודער, קום אַהיים!"
און ער גראָבט זיך צריק אַריין אין דר'ערד.
אַ שוואַלב
וואָס האָט דערנעבן אויף אַ דראָט געמאַטלט מיט אַ שכנה
און געזען דאָס גאַנצע בילד,
רופט זיך אָן דערשטוינט:
„ווי איך זע,
געפעלט אים ניט די זון, ניט אונדזער וועלט.
— דיר איז אַ וואונדער? ווייסטו ניט, אַז ער איז בלינד?"

# צווישן ווערעם

אנו, ווי געפעלט אייך עפעס אונדזער נייער גאַסט? —
פרעגט ביי אַ וואָרעם אין דער ערד אַ שכן,
טרעפנדיק אים אין אַ ווינקל פון בית-עולם;
עס מוז אַ מאכל זיין גאָר אַן אַנטיק,
דער פרישער בר-מינן!
מען זאָגט, אַז דער פּאַרשוין געווען איז אַ פּאָעט:
זיין מוח האָט מיט טרוימען געטלעכע זיך נאָר גענערט
און דאָס הארץ איז פול געווען מיט זעלטענע געפילן.
אויב איז אַ העלפט נאָר אמת
וואָס אויסגעקריצט איז אויבן דאָרט אויף דער מצבה,
איז עס ניט קיין מענטש —
אַ מלאך גאָר, ווייזט אויס, געווען!
און אַזוינס, מיין טייערער,
זענען מיר ניט אָפט געוואוינט צו טרעפן.
זאָג דעם אמת: מיט דיינס גלייכן
מוזסטו זיך באַלעקן! — אַזאַ סעודה!

— חוזק און איראָניע
פּאַסן פאַר צווייפיסיקע פיליייכט,
ניט פאַר פראָסטע ווערעם וואָס מיר זענען.
— „טרוימען“? „זעלטענע געפילן“? „געטלעכע געדאַנקען“? —
ווי פאַר ווערעם! דאָס איז אפשר פיין און איידל;
נאָר ווייזט אויס,
מען ווערט דערפון ניט פעט!
פאַר מיר, אַ פּראָסטן וואָרעם, זיי מיר מוחל,
איז שוין ליבער אַ פאַרשוין
וואָס נערט זיך נאָר מיט איינפאַכע חזירים —
ס'איז אפשר ניט פּאָעטיש, אָבער שמאַלציק!
וואָס טויג מיר אָט דאָס לייב פון הוילע ביינער,
אָנגעפילט מיט שיינע אידעאַלן?
ניט פאַרהאַן דערפון צו קייען, חבר!“

# מאָדערנע וועלף

נאָך לאַנגן טשאַטעווען אַרום דער סטאַדע
האָבן וועלף פאַרשלעפּט אַ שאָף,
ניט לעבעדיק, ניט טויט,
ערגעץ וואו אין טיפן וואַלד.
דאָ וויל שוין איינער טאָן איר רעכט:
בייזע אויגן גליען, סלינע רינט פון פּיסקעס —
„שטייט נאָר! שטייט אַ ווײַלע! —
רופט דער עלטסטער פון דער באַנדע;
ניט געאײַלט זיך, וועלף!
לויט אונדזער נייער וועלפישער מעטאָדע
קען מען אויסניצן אַזאַ מין שאָף מיט מער פאַרשטאַנד:
צוגעוואוינען מיט אַ גלעט, אַ שמייכל
אַ נאַיווע שאָף צו „גוטע" וועלף
מוז זיין ניט שווער:
זי קען פאַרנאַרן,
ברענגען גאַנצע סטאַדעס אונדז אַהער!

איר געדענקט די מעשה דאָך מיט יענע שעפּסן:
איינער שפּרינגט אין וואַסער — שפּרינגען אַלע נאָך.
אָט וועט איר עפּעס זען! —
ליבער פריינד, דו ביסט אַ שאָף ניט ווי געוויינלעך.
ערשטנס
ניט ווי די בהמות פון די סטאַדעס
וואָס לאָזן פירן זיך פון פאַרכעוואַטע הינט
און פון פּאַסטוכער וואָס שינדן זיי די פעל;
צווייטנס
האָסטו עפּעס שטאָלצערס אין דיין בליק ווי זיי;
ביסט, ווייזט אויס, ניט פון דער ראַסע
וואָס פּראָוואָצירט אונדז וועלף
און וואָס מיר טויטן, נאָר ווייל זייער אויסזען איז צו נאַריש.
אַזאַ שאָף ווי דו ביסט ווערט
מיט אונדז, די פרייע וועלף, צו לעבן,
טעמען די לופט פון ניט-געצוימטע וועלדער.

מיט דער צייט,
אַנשטאָט צו קייען גראָז אָן טעם,
וועט דיין מויל אַ צאָן אַ לייטישן באַקומען,
דערקענען דעם געשמאַק פון בלוט,
וועסט זיין אַ שאָף אַ לייט מיט לייטן גלייך!"
די שאָף ליגט נעבעך אין געהאַקטע וואונדן;
עס שווידערט אויף איר לייב די פעל —
אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע שכנים —
און מען זעט קיין הילף פון קיינעם!
זי באַטראַכט די סלינענדיקע גראָע מאָרדעס
און דערמאָנט זיך די אומשולדיקע און ווייסע שעפעלעך אין פעלד.
„בייסן העלדזער" — „זשליאָקען בלוט" —
זי שליסט די אויגן:

„ניין!
ניט פֿאַר מיר, געערטע וועלף, איז אַזאַ לעבן!
ליבערשט זענען מיר די שוואַכע שאָף אין שטאַל
ווי אייער פרייע וועלפישע געזעלשאַפט.
בייסן העלדזער — זשליאָקען בלוט —
אַ חרפה איז דערצו צו האָבן ציין!
מוחל! מוחל!...“
נאָר אַ שפּרונג, אַ ריטש —
און אַ שאַרפער צאָן האַקט אָפּ
דער שאָפס נאַיווע רייד.

# די זויערע אוגערקע

קלאָגט אַ זוירע אוגערקע:
„גאָט מיינער,
איך האָב חלילה ניט צו דיר קיין טענה,
וואָס דו האָסט אַ זוירע אוגערקע מיך נאָר באַשאַפֿן;
פֿאַרקערט — איך בין צופֿרידן מיט מיין גורל:
ניט יעדער קען דאָך קומען אויף דער וועלט
אַ רויז, אַ מילגרוים, צי אַ פּאָמעראַנץ.
די צרה איז נאָר, וואָס מיר איז באַשערט
אין ראָסל זיך צו ווייקן ס׳גאַנצע לעבן.
ניט שוין זשע מוז עס אַזוי זיין?“
ענטפֿערט איר אַ שכנטע:
„אוי גולם, גולם!
ווען ניט דער ראָסל —
וואָלסטו קיין זוירע אוגערקע אפֿילו ניט געוועזן!“

## די קראָ

איז אַ קראָ געפלויגן נאָך אַנאַנד
איבערן גאַנצן לאַנד,
געפלויגן, געפלויגן
וואו געטראָגן ד'אויגן:
פעלדער פול מיט קוויטן,
גערטנער, רויזנבייטן,
וואַלד און גרינער סאַד.
איבער דאָרף און שטאָט
געפלויגן איז די קראָ.
אַזוי אַ גאַנצע שעה
איבער אַלע פראַכטן,
און נאָך אַ לאַנג באַטראַכטן —
אַ פגר אינעם מיסט געפונען
און זיך אַראָפּגעלאָזט דערינען.

# די עכטע און די פאַלשע בלום

זאָגט אַ בלום אין אַ בוקעט פון לייוונט און פון דראָט,
פאַרבונדן מיט אַ שלייף, הינטער אַ קופּאָל פון גלאָז,
צו אירם אַ שכנה אין אַ גלעזערנעם וואַזאָן מיט נעכטיק וואַסער:
„שוועסטער מיינע נעבעך, זע נאָר סאַראַ פּנים!
אַזאַ יונגע רויז —
און וועלקט, גייט אוים!
איך זאָג דיר בנאמנות,
ס׳שניידט דאָס האַרץ מיר פאַר רחמנות
און כ׳טראַכט, צי לוינט גאָר זיין אַן עכטע בלום?
וואָס קומט דיר אוים דער גאָרטן,
דיין שמעקעדיקער אָטעם און דיין צאַרטע הויט?
דיין שיינקייט איז די סיבה פון דיין טויט!
איז דען ניט ליבער מיר מיין לייוונטענע פּראַכט?
כ׳קען אייערם גלייכן טויזנט איבערלעבן!“

יענע גוססט, זיפצט און שמייכלט:
„וואָס אמת איז — איך שטאַרב;
איך האָב דאָך כאָטש איין פרילינגס-שעה געבליט!
און דעם טעם דערפון, מיין טייערע,
וועסטו קיין מאָל ניט באַגרייפן!“

# דער פויגל און דער פראָש

פרעגט אַ פראָש מיט אומעט ביי אַ פויגל:
„ווי זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך מאַכן,
כדי אַ פויגל זיין ווי דו?
איך זע דיך פלאַטערן און פליען
פון בוים צו בוים, צי אונטער זון און וואָלקנס;
איך הער דיין פריילעך טשוויטשערן און טרילן —
און מיין לעבן ווערט מיר נימאס:
תמיד אין דער בלאָטע,
תמיד אין דער נידער!
מיין קוואַקען, ווי דער כאָר פון מיינע שכנים,
מאַכט מיך גאַנצע נעכט משוגע!
וואָס וואָלט איך ניט געטאָן,
כדי צו זיין אַ פויגל!
מיך ציט די הייך!
איך פּרואוו זיך אָפט דערהייבן,
אָפט טו איך אויך אַ שפּרונג —
נאָר ווען און וואו!
דערשלאָגן, טויט און מיד,
פאַל איך באַלד צוריק.“

— מיין ליבער פריינד, דיין פיין איז גאַנץ נאַטירלעך;
איך וואָלט פון צער געשטאָרבן,
ווען איך זאָל דאַרפן לעבן אין דער בלאָטע.
קיין עצה אָבער איז פאַר דיר ניטאָ:
אַ פויגל ווערט מען ניט —
אַ פויגל איז מען באַלד געבוירן!"

# די ליאַנע

א ליאַנע,
אַרומגערינגלט יאָרן לאַנג אַרום דעם שטאַם,
האָט — אָפּגעהאַקט מיט אים צוזאַמען —
געקלאָגט:
„פאַר וואָס זאָל איך עס נעבעך,
שוואַכע פלאַנץ,
מוזן טראָגן פונעם בוים
דעם וויסטן גורל?
ניטאָ קיין יושר אויף דיין וועלט, מיין גאָט!“

#ביימער

האָבן ביימער זיך מיט רויש צעוועדטלט,
דאָ אין אַ שמועס,
דאָ אין אַ גאַנץ גערודער.
יעדער וויל באַווייזן, אַז די הויפּטזאַך פונעם וואַלד
איז ער;
יעדער שאָקלט זיך און טענהט,
וויגט אַהין, וויגט אַהער,
צעשפּרייט די צווייגן, שושקעט אָדער רופט.
די סאָסנע
— מיט הבדלות גרינע אין די הענט —
וויל באַווייזן:
„ווען ניט איך מיט מיין כסדר גרינען —
וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט דער וואַלד אין ווינטער,
ווען איר בלייבט אַלע אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן,
מיט די דאַרע צווייגן הויל און נאַקעט?“
און זי קנאַקט מיט אירע שישקעס.

דער דעמב
צעשפּרייט זיך ברייט:
„שאַט! שאַט! לאָזט רעדן, לאָזט!
פון דורות אָן שוין ווייסט מען,
אַז אַ דעמב איז ווי להבדיל
ביי דעם מענטש אַ גבאי אין אַ שול:
דאָס אייבערשטע פון שטייסל —
אַ פּאַרנעם! אַ גרייס! אַ כבוד!
וואָס זשע פּלוצלינג ס׳גאַנצע טענהן?
שששט! שאַ זאָל זיין, רבותי!"
די בלאַסע בזשאָזע,
— אָט די איידלסטע פון אַלע —
פּרואווט אויך אַריינזאָגן אַ וואָרט.

הכלל:
עס גייט אַוועק אַ רעדעריי;
אפילו אַ קורצפיסיק שוועמל
וויל אויך זיך לאָזן הערן
(און דאָס איז אַ זעלטענע דערשיינונג).
„לאָזט! לאָזט! שטופּט זיך ניט!" —
אַ לאַנגער בוים
שטרעקט אויס אַ דאַרן גאָרגל איבער אַלע,
זעט די גרינע קעפּ אויף קעפּ
און רופט אויס:
„רבותי, שטיל זאָל זיין!
וואָס טויג די קריגעריי?
ניט דו, ניט ער, ניט יענער איז אַ יחסן —

יעדער איז אַ בוים פֿאַר זיך.
נאָר צוזאַמען זענען מיר דער וואַלד,
נאָר צוזאַמען בילדן מיר די וואַנט
וואָס צוימט דעם ווינט אין ווילדן לויף.
אָפּגעזונדערט —
וואָלט ער אַלע צווייגן אונדז צעבראָכן
און אונדז אפילו מיטן וואָרצל אויסגעריסן.
טוט זיך יעדער זיין עבודה!
קריגט זיך ניט און האַלט זיך פיין צוזאַמען!
אין דעם זכות וועט גאָט אייך העלפן! אמן!"

# דער האָן וואָס לערנט זיך זינגען

א האָן, אַ יונגער שנעק, האָט גאַנצע טעג
פון פריעסטן באַגינען
צווישן הענער זיך געגאָרגלט
און — וואָס אמת — האָט גאַנץ פיין
געקרייעט ווי מען דאַרף:
דעם אמתדיקן קריי;
איבעראַל האָט אָפּגעקלונגען
זיין קוקעריקו.
„אַן אמתדיקער זינגער!" — האָט אַ מאָל
זיך עמעץ אויסגעדריקט.
אונדזער האָן האָט דאָס דערהערט
און זיך — פאַר גאווה רויט — צעקאַלעקוצקעט.

„אַ שאלה עפּעס! טאַקע אַן אַרטיסט!
נו וועל איך איצט זיי ווייזן מיין טאַלאַנט!"
און באַלד האָט ער דאָס קרייען אייגנעפּאַקט
און מיט התמדה אויף אַ בערגל מיסט
סאָלאָווײ־געזאַנג זיך חזרן גענומען;
געקרעקט זיך און געכאָרכלט,
געפּרוּווט דאָ וואָרקען, קראַקען, כריפּען, קוואָטשקען.
נו שטעלט אייך פאָר די צאַרטע טרעלן
פון זיין הייזעריקן גאָרגל!
די הינער האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן,
קיין אייער ניט געלייגט און נאָר באַטראַכט
דעם האָן, דעם לץ.

ביז איינער — (זיינס אַ פריינד, אַ האָן ווי ער,
נאָר מיט מער שכל) — האָט זיך אָנגערופן:
„ביסטו אַ האָן — טאָ זיי אַ האָן אַ לייט!
קריך ניט אויף די גלייכע ווענט
און מאַך ניט ס׳לייטישע געלעכטער!
איידער זיין אַ נאַכטיגאַל אַ שלעכטער,
בעסער זיי אַ גוטער האָן!“

# די מויז פארן לייב

האָט זיך אַ מויז דערוועגט
צום מלך פון די חיות צוצוקריגן
אין אַ גוטער רגע.
„האָב קיין פּאַראיבל ניט,
אדוני לייב!
ניט שוין זשע ביסטו מלך בלויז דערפאַר,
וואָס מעכטיקער פון אַלע איז דיין שווערע לאַפּע
און מיט דיין בריל
מאַכסטו ציטערן די גאַנצע וועלט?
זענען מיר ניט אַלע גלייך פאַר גאָט?
מוז נאָר די קראַפט אַליין רעגירן?
אויב אַזוי —
וואו איז די דעמאָקראַטיע?
קיין מאָל וועט קיין מויז ניט קענען הערשן.
אונטער לייבנס אייביקער דינאַסטיע
וועט די חיות־וועלט נאָר ציטערן פאַר מורא!“

קוקט דער לייב דער מויז גלייך אין די אויגן —
יענע בלייבט פאַרציטערט, טויט —
און ער טוט אַ ברום:
„וואָס זאָגט זי דאָרט די מויז?
איך לייב פאַרשטיי ניט זייער מויזנשפּראַך!
גיי ברענג אַן איבערזעצער!"
און ער טוט אַ טרייסל מיט דער גריווע,
אַז יענע בלייבט פון שרעק שיר ניט געשטאָרבן
און אַנטלויפט, אַוואו דער פעפער וואַקסט.

# צוויי שוואַלבן

אַיין שוואַלב זאָגט צו דער צווייטער:
„זע, ווי בלאָ, ווי ליכטיק איז דער הימל!
קום!
מיר ווילן לאָזן זיך פאַרשיכורט
אין יונגן דרייסטן פלי!
טעמען די בלאָע ווייט,
טרינקען דעם זעפיר,
נערן זיך מיט זון —
און שוועבן פריי און אייביק!“
— „טעמען די בלאָע ווייט“?
„טרינקען דעם זעפיר“?
„נערן זיך מיט זון“? —
מיין טייערע, דערפון וועסטו ניט ווערן פעט!
מיר איז ליבער צו דער זעט
פּראָסטע קערן, ווערעמלעך — אפילו נאָר אַ פליג!
דער טאָג איז קורץ — און ביז דו קומסט צוריק,
איז פאַר פרנסה שוין צו שפּעט!

— פליגלדיקער סאַנטשאָ פּאַנטשאָ — זיי געזונט!
— פלי געזונטערהייט — דאָן קיכאָט!"
און זי לאָזט זיך פייל פון בויגן,
וואו עס טראָגן נאָר די אויגן:
„זון, דו אוצר שיין און פרייד!
ווי גוט צו שוועבן אין דער בלאָער ווייט,
די פליגל קעגן ווינט צעשפּרייט
און פילן פון דער לופט דעם גלעט פון זייד!
פליען! פליען! ווייטער! העכער!
פּאָכען מיט די לעבעדיקע פּעכער!
טרינקען בלאָען רוים אין גאָלדנעם בעכער!
און ניט פילן מער די צייט!"
נאָר וואָס זשע? — עפּעס נאָגט אין ברוסט!
„שוויג, מאָגן נאַרישער!" — אומזיסט!
„בלויער רוים און זונענגאָלד" —
אים האָט אַ קערן זיך פאַרוואָלט!

ווי לאַנג דער גוף איז פול —
איז די נשמה לייכט:
„דער האָריזאָנט סיי ווי איז ניט דערגרייכט;
איך וועל אַן אַנדער מאָל שוין פּרוּאוון!
מען קען ניט לעבן בלויז מיט הימליש גליק;
אַהיים! אַהיים! אַהיים צוריק!"
און אומעטיק, פאַרטראַכט
קומט די שוואַלב אַהיים שוין אין דער נאַכט:
קיין פליגעלע ניט זשומט, קיין פענצטער איז ניט אָפן —
און לייגט זיך מיד, אַ הונגעריקע שלאָפן.

# פישלעך

ליגן פישעלעך
און גייען אוים — דערשטיקט.
איינס, מיטן פיסקל אָפן, זיפצט צופרידן:
„וואָס מיך טרייסט —
אַ נעץ פון זייד האָט מיך געפאַנגען!"
אַ צווייטס:
„און מיך אַ האַטשיקל פון גאָלד!"
נאָר איינס, שוין טויט כמעט,
וויינט מיט טרערן ביטער:
„ניט טרויעריק געגנוג איז זייער גורל —
גאווה פעלט זיי!"

# דאס פידל

וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, דו פידל?
ביסטו ניט פון פיינסטן האָלץ,
געמייסטערט ווי אַ קונסטווערק יעדעס פיצל?
איז דיין שאַכטל ניט מיט רויטן סאַמעט אויסגעבעט?
אַלע סטרונעס גאַנץ! און איידל — מיט אַזוי פיל ליבשאַפט —
גלעט דיך מיט זיין לייכטער האַנט דער פידלער!
אַט האָב איך דיך געהערט:
אַנגעלענט אָן אַקסל, קוים באַרירט פון צאַרטע פינגער,
האָסטו ווי געוויינט.
איז אַזוי טרויעריק דיין מזל?
איז אַזוי גרויס דיין צער?

— דו האָסט אַ טעות, פריינד,
ניט איך האָב עס געוויינט!
איך אינסטרומענט — וואָס איז מיר דען די נפקא־מינא,
צי טרויעריק, צי פריילעך איז מיין ליד?
איך שפּיל וואָס מען פאַרלאַנגט פון מיר!
איך בעט נאָר איינס: ניט רייסן מיר די סטרונעס!
דער אומעט פון מיין ליד איז ניט אין מיר, דאָס פידל,
נאָר אין דעם וואָס שפּילט דערויף.“

# דער ווירטואָז

אַן אייזל, הערנדיק דעם סאָלאָוויי, רופט אוים מיט חוזק:
„זינגען קען ער אפשר, אָבער ס׳איז אַזוי... ניט שלעכט...
ניט קיין ווירטואָז, שוין גיכער אַן אַמאַטאָר;
און בכלל — אַ ביסעלע צו שוואַך;
קוים וואָס מען הערט — און אויך נאָר אָוונטצייט,
ווען אַלע דרימלען אָדער שלאָפן.
נאָך אַ נס, וואָס איך האָב לאַנגע אויערן. —
וואָס גאַפט איר, עולם-גולם, ווי בגילופין?
איר האָט ליב ניגונה צי אַ קול וואָס לאָזט זיך הערן?
קומט מיט מיר אין מאַרק אַ ביסל!
אָט אין גאַנצן טומל פון יאַריד —
דאָ וועט איר זען, וואָס ס׳הייסט מוזיק!“

צו מאַרגנס קומען אַלע זען און הערן
די נסים און נפלאות פון פירפּיסיקן קאַרוזאָ.
יענער זעט דעם עולם, טוט אַ שאָקל מיטן עק
און צעלאָזט זיך מיט אַ קול אַזוי משונה־ווילד,
אַז אַלע שטופּן זיך די פינגער אין די אויערן
און מאַכן פּים וואו נאָר די אויגן טראָגן.
שאָקלט מיטן קאָפּ דאָס אייזל:
„מבינים זענען זעלטן — די וואָרע קונסט גייען אונטער!"

# דער מענטש מיטן בעזעם

העי! העי!
גוטער ברודער, שטיי נאָר, שטיי!
וואָס עפּעס אַזוי איילנדיק געשפּאַנט
מיט אַזאַ מין גרויסן בעזעם אין דער האַנט?
— מיין פריינד, האַלט מיך ניט אויף!
דו זעסט ניט, ווי איך לויף?
די גאַנצע וועלט פאַרקויטיקט און פאַרוויסט —
כ׳וועל מיט מיין בעזעם אויסקערן דאָס גאַנצע מיסט!
— העי! העי!
גוטער ברודער, שטיי נאָר, שטיי!
לויפסט רייניקן די וועלט? — ס׳איז טאַקע פיין!
אָבער אין דיין אייגןווינקל איז שוין ריין?“

די נאָז מיינע, וואָס אַלץ דערשמעקט כסדר,
זי טראַכט:
דער לץ וואָס איז פון וועלטמיסט אויפגעבראַכט,
זאָל ער קודם רייניקן זיין פּיצל חדר!

# דער סאָלאָוויי

זיצט אין דער גרינער טיפעניש פון גאָרטן
אַ סאָלאָוויי
און שפילט מיט זיסע טרעלן אַ געזאַנג פאַר זיין געליבטער;
מאַכט קאָלאָראַטור,
דריידלט זיך און פייפט
און ווינקט פאַרפירעריש צו מיט אַן אייגל.
רופט זיך אָן אַ שכן (אויך, ווי ער, אַ פויגל ;
איך געדענק ניט אַקוראַט זיין נאָמען) :
„היתכן, וואָס דו זינגסט דאָ, שיינער חזן,
האָב איך פאַר אַ יאָרן שוין געהערט פון דיר אַליין.
דו האָסט עס געזונגען שוין פאַר אַ געליבטער
און דו האָסט זי — מיר ניט, דיר ניט — זומערצייט פאַרלאָזט.
אַלע וויסן דאָס — און זי,
דיין נייע דולצינעע, אויך געוויס.
וועט זי גלייבן דיינע רייד ?
ביסט אַ פויגל, זאָגט מען, ניט קיין נאַר :
זוך זשע אויס אַ צווייטן ניגון
אָדער כאָטש אַ צווייטן נוסח !"

יענער האָרכט אַ ווײַלע:
„וואָס דו זאָגסט, איז טאַקע לאָגיש —
איך האָב שוין געטראַכט דערפֿון.
נאָר וואָס טויג מיר דרייען זיך דעם מוח?
אמת טאַקע: וואָס איך זינג, איז שוין ניט ניי;
ניט נאָר, כ'האָב עס שוין געזונגען יענעם מאַי,
נאָר זינט איך בין אַ פֿויגל.
מײַן גאַנצע סאָלאָווייאישע משפּחה
און אַלע, ווי מיר זענען אויף דער גאָרער וועלט,
זינגען מיר פֿון אייביק אָן דעם זעלבן ניגון
אין דער זעלבער צײַט,
פֿאַר די זעלבע וואָס מיר ליבן און פֿאַרפֿירן.
און זיי —
זיי ווייסן גוט דערפֿון — זיכער, ווי דו זעסט מיך לעבן!
קענען שוין פֿון אויסנווייניק
סיי די ליד און סיי די מעשׂה מיט דער אָפּגענאַרטער ליבע.

אָבער ס׳מאַכט ניט:
דער עפעקט איז יעדעס מאָל דער זעלבער,
כאָטש מען ווייסט פאָרויס דעם רעזולטאַט.
די פאַרליבטע גלייבן אויפן בלויזן וואָרט,
ניט פאַרהאַן ביי זיי קיין פאַלשע שבועות.
וואָס זשע דאַרף איך זוכן?"
און אָפּגעזאָגט —
מיט אַ נייעם פייף און מיט אַ נייעם דריידל
נעמט ער זיך אויף ס׳ניי באַווייזן אַלטע שטיק!

# די מויז אין געפאר

לויפט אַ מייזל זיך באַהאַלטן, פון דער קאַץ דער גזלנטע געזוכט.
„ראַטעוועט! געוואַלד! געוואַלד!
— אַהער! אַהער! — רופט פון אַ לאָך אַ מויז;
דאָ ביסטו זיכער ווי ביי דיר אין הויז.
גיכער! גיכער! טו זיך אַ באַהאַלט!
— וואָס? אָט אין דעם שוואַרצן שפּאַלט?
ניט לופטיק, ניט היגיעניש אַזאַ לאָך —
קענסט פון ענגשאַפט אויסגיין נאָך!
— גיכער! גיכער! גולם מויז!
די נשמה גייט מיר אוים!“

פּלוצלינג בלייבט דאָס מייזל שטיין
איבערראַשט — פאַרגעסן נעגל, ציין:
„זע נאַר, וואָס איך האָב געטראָפן!
אַ מין פּאַלאַץ! ווי פון גאָלד!
דראָט מיט ברעטלעך — פונקט ווי כ׳האָב געוואָלט!
ברויט מיט שמאַלץ! און ס׳טירל אָפן!
— אַהער! אַהער! די קאַץ איז דאָ! דו ביסט אַראָפּ פון זינען!
— שווייג שוין בעסער, שווייג!
כ׳האָב בעסערס פון דיין לאָך געפונען!״ —
און זי לויפט באַהאַלטן זיך אין כאַפּקע־שטייג.

# דער בוים און זיין פרי

וואָס זאָגסטו, בוים, אויף אָט דער פרי?
— ניט שלעכט! נאָר אויסטערליש — אַ ביסל קליין;
ווען רויטלעכער אַ ביסל וואָלט זי זיין
און אַ ביסל גרעסער,
וואָלט ניט געווען קיין עברה;
און מיט דעם אַראָמאַט
איז אויך ניט גלאַט:
וואָלט זי אַ ריח שוין אַן אַנדערן געהאַט,
וואָלט אויך געווען בעסער.
— בוים נאַרישער, דו האָסט אַליין געהאַט די ברירה
צו מאַכן זי, ווי דיר געפעלט:
ס'איז דאָך דיין פרוכט! האָסטו ניט דערקענט?"

אַזוי איז שוין אויף אונדזער וועלט:
זעלטן ווער דערקענט זיך זעלבסט אין ווערק פון זיינע הענט!

# דער בער און די יעגער

מיט כיטרעקייט און מי
געלונגען איז דריי יעגער אין אַ וואַלד
צו פּאַקן לעבעדיקערהייט
אַ ברוינהאָריקן און ברומענדיקן ריז,
אַ בער.
פון גרוב אַרויסגעשלעפּט,
ליגט רב דוב געבונדן פאַר דער טיר
און די יעגער זעצן זיך אַ ווײַלע בײַ דעם אויוון,
נעמען עפּעס אינעם מויל,
טראַכטן וואָס צו טאָן מיט דער מציאה.
„ווען איך וואָלט אַזאַ בער געהאַט פאַר מיר אַליין,
זאָגט איינער, קייענדיק געשמאַק —
מאַך איך מיר פון אים אַ פּעלץ;
ווארעם אַ מחיה איז אַ בערנפּעל!

— איך וואָלט פאַר מיין בעט דאָס אויסגעשפּרייט;
מיטן פּיסק און מיט די לאַפּעס איז עס
שיין און פּראַקטיש אין מיין שטוב!
— און איך וואָלט אים געלערנט טאַנצן;
מיט אַ פּייקל אין דער האַנט
פיר איך אים אַרום פון שטאָט אין שטאָט,
פאַרדין מיר לייכט אַ גראָשן."
וואָס זשע טוט מען אָבער מיט איין בער פאַר דריי?
„לאָמיר וואַרפן גורל!
ווער עס וועט געווינען, נעמט דעם בער."
גייט אַוועק אַ שפּיל מיט ציען שטרוי.
דער שפּאַסט זיך, יענער שרייט: „דו נאַרסט!"

באַלד פֿאַלן קלעפּ —
הכלל, אַ גאַנצער טאַראַראַם מיט אַ גערודער.
וואָס טוט דערווייל דער בער?
מיד פֿון ליגן אין געהאַקטע צרות,
נעמט ער בייסן, גראַטשען זיינע שטריק;
אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט —
ער פּלאָנטערט זיך אַרוים און מאַכט זיך
מיר ניט דיר ניט אַ ויברח.
ווען יענע, נאָך אַ שעה מחלקות,
קומען טיילן זיך אין דרויסן מיטן בער,
איז יענער שוין ניטאָ — אַ שטיין אין וואַסער!

# דער הונט און דאָס פערד

**א** הונט באַקלאָגט זיך פאַר אַ פערד:
„האָט ווער אַזוינס געהערט?
דער פורמאַן־יונג, דיין באַלעבאָס —
טראָץ דעם,
וואָס אין שווערע וועגענער געשפּאַנט
שלעפּסטו זיינע לאַסטן נאָך אַנאַנד,
זידלט ער דיך אויפן קול,
און מיט אַ שטרענגער האַנט
קאַטעוועט דיך, שמייסט
וואָס שמייסן הייסט —
און דו — זאָלסט עס אַ הירזשע טאָן אַ מאָל!
פאַרמאַכסט די אויגן,
דעם קאָפּ געבויגן
שווייגסטו שטיל.
טאָמער אָבער טו איך נאָר אויף דיר אַ ביל,
צי אויף קאַטאָוועס דאָרט אַ בים,
אַ קיצל אין דער ליטקע אָדער אין די פים —

דאָ ווערסטו אויפגערעגט, שרייסט בקול־רם,
שטעלסט זיך גלייך דיבאָם!
אַלץ מעג יענער — און איך אַ שטייגער טאָר ניט?
— כלב נאַרישער, דיין בילן
מיט דיין בייסן וואָס דו רופסט עס שפּילן —
אַרן אַרט עס דווקא מיך שוין גאָרנישט.
וואָס מיך קרענקט און איך געפין געמיין,
דאָס איז צו וויסן:
פון אַ פאַרשקלאַפטן נפש פונקט ווי איך אַליין
צו זיין געזידלט און געביסן!"

# דעם כישוף־מאַכערם לערן־ייִנגל

ווי נאָר דאָס וואַסער אויסגערונען
און די קליידער טרוקן,
האָט דעם כישוף-מאַכערס לערן-ייִנגל
פאַרגעסן באַלד די מעשה מיטן שטעקן,
מיטן טראָגן וואַסער,
מיטן מייסטערס רייד,
און ווידער זיך גענומען, ווי אַ מאָל,
קוקן וואו מען דאַרף ניט,
האָרכן וואָס מען זאָגט,
לעזן אין די ספרים וואו מען טאָר ניט,
און אַכטונג טאָן אין האַלבער נאַכט,
ווי דער באַלעבאָס ביי רויטע פלאַמען
האַלט דאָרט זיינע קאָנפערענצן מיט מכשפות
וואָס קומען אויף די בעזעמער צו רייטן,

סודעט זיך מיט פלעדערמייז און סאָוועס,
מישט דאָרט גרינע פליסיקייטן אין געדרייטע גלעזער
און ברומט צו עפּעס אין דער פינצטער מיט אַ מאָדנעם ניגון.
בלייבנדיק אַ מאָל אַליין אין שטוב, ביי טאָג,
אַנשטאָט מיט דעם בעזעם אין דער האַנט
אויפצוראַמען, פייער מאַכן
אָדער טאָן אַ לערן־יינגלישע מלאכה,
כאַפּט ער צו זיך אין אַ פינצטער ווינקל
און געפינט אַן אַלטן פאַרמעט מיט אַ שפּרוך:
„נעם אַ שטעקן און דו זאָג אַזוי: —“
און דאָ קומט אַ מאָדנע שפּראַך
מיט קרומע אותיות און צייכנס.
„נעם אַ שטעקן“? —
דאָס איז לייכט! באַלד איז עס געשען:

מיט התמדה
נעמט ער זאָגן וואָרט ביי וואָרט דעם שפּרוך,
אָבער וואָס געשעעט?
אוי גאָט אין הימל! כישוף! טאַקע כישוף!
זע נאָר:
פונעם שטעקן ווערט אַ בייטש,
אַ געזונטע בייטש, אַ קאַנטשיק,
געפלאָכטן, ווייך און בויגיק —
און זי נעמט דעם בחור קאַטעווען און שמייסן, וואו מען דאַרף.
„איי! געוואַלד! ראַטעוועט! עס בייסט דער הינטן!
מייסטער! ראַטעווע! —
געוואַלד! געוואַלד!"
דער כישוף־מאַכער קומט צו לויפן
און, האַלב בייז און האַלב אין חוזק,
זאָגט ער:

„קונדס אײנער! גוט אַזױ!
װײסן זאָלסטו,
אַז דער שפּרונג באַשאַפֿט די בײטש, װאָס שמײסט
פֿאַר טאָן דאָס, װאָס מען טאָר ניט.
האָסט פֿאַרדינט די שמיץ!
אַ בײטש — זי װײסט ניט פֿון קײן קונצן!
פֿאָלגן זאָלסטו נאָך אַ מאָל:
ניט טשעפּען װאָס מען דאַרף ניט!
ניט רירן װאָס מען טאָר ניט!
און דאָס מאָל
װעט די בײטש קײן שטעקן צריק ניט װערן,
נאָר פֿאַרקערט:
שטײן װעט זי געהאָרכזאַם אין אַ װינקל
און זי װעט שױן אַכטונג טאָן אױף דיר!"

# דאס קאַנאַריקל און די שוואַלב

א יונג קאַנאַריקל מיט גאווה רימט זיך פאַר אַ שוואַלב:
„דו זעסט מיין נעסט? — פון צאַרטן פוך!
און איינגעפּאַסט אין גרינס, אין גאָלד!
מיין פריש געטראַנק פליסט אין קרישטאָל!
פון פיינסטע קערן איז מיין שפּייז!
אַ גוטע האַנט מיך טריי באַשיצט
פון קעלט און רעגן, גאָט זיי דאַנק!
אין מילדער וואַרעמקייט געטוליעט
איך זינג מיין גליק פון פרי ביז שפּעט!
און דו — ?

— מיין ליבער פריינד,
מיין נעסט איז גראָ און קוים באַשיצט
פון בייזן ווינט, פון אָפטע פיינד.
און ווען מיט מי איך טרעף מיין שפייז,
אָפט פאַלט אַן אַנדער מויל דערויף.
און יאָר נאָך יאָר אין ווייטן וועג די קעלט, די נויט —
עס טרייבט און יאָגט פון נעסט צו נעסט אין ווייסטער פרעמד.
דאָך אומבאַקאַנט איז דיר מיין גליק (איך דאַנק דיר, גאָט!) —
דען דו באַגרייפט:
איך בין פריי! איך בין אַ פרייע שוואַלב!"

# די האַרפּע און דאָס פֿידל

איך האָב אויף דיר רחמנות! —
זאָגט אַ האַרפּע צו אַ פֿידל;
ביסט אומעטיק:
וויינסט אַזוי אָפּט ציגײַנעריש,
זוכסט אַזוי זיך אָפּצורעדן פֿונעם האַרץ —
און האָסט ניט מער ווי סטרונעס פֿיר;
וואָס קענסטו נעבעך מיט זיי אויפֿטאָן?
אַ שאָד, וואָס ביסט ניט ווי אַ האַרפּע!
זע, ווי רײַך איך בין
סײַ אין פֿײַן־געשניצטן האַלדז
און סײַ אין סטרונעס!
דו ביסט אַ מבֿין אויף מײַן רעם פֿון גאָלד?
בײדע הענט מיט אַלע פֿינגער
זענען ניט גענוג אויף מיר צו שפּילן.
ניטאָ קיין יושר אויף דער וועלט! —
דו זיפֿצסט?

— מיין טייערע, אַ דאַנק!
דו פילסט מיך מיט און רעדסט
ווי אַ געטרייע רייכע שוועסטער.
גלייב מיר אָבער — כ׳בין צופרידן מיט מיין גורל
און מיינע סטרונעס זענען מיר גענוג —
וואָס דאַרף איך מער?
איך זאָל זיי האָבן הונדערט
און אַלע זאָלן זיין אפילו פון פּלאַטין —
ניט שענער וואָלט געווען מיין שפּיל:
הונדערט סטרונעס —
ניין, מיין טייערע, ניט דאָס איז וויכטיק אין מוזיק;
וויכטיק איז נאָר דאָס וואָס ווערט אויף זיי געשפּילט!“

# צווישן הינט

א הונט — אָט דער געטרייער שקלאַף —
האָט זיין אונטערטעניקייט צום מענטש אַזוי איבערגעטריבן,
אַז ער האָט דאָס לעצטע פּיצל גאווה פון אַ הונט אַוועקגעוואָרפן:
ניט נאָר געלעקט די קייט,
ניט נאָר געביסן לויטן האַרס באַפעל זיינס גלייכן —
נאָר נאָכמאַכן געפּרואווט אפילו זיין צווייפיסיקן באַלבאָס
און גאַנצע טעג געשטעלט זיך אויף די הינטערפיס,
געשפרונגען — אויך אַ גאַנג מישטיינס געזאָגט! —
און ביי נאַכט, פאַרשוויצט און מיד,
געפאַלן צו דער נאָרע אויסגעמאַטערט
און פאַר אַ שכן זיך געקלאָגט:
„ביטער, ברודער, שווער צו זיין אַ הונט! —

— ביטער, זאָגסטו? — רופט זיך יענער אָפּ,
און וועמענס שולד איז עס דען, אַז ניט דיינע?
ווער הייסט דיך מאַכן פוילע שטיק?
טו דיין מלאכה, היט און זיי געטריי —
נאָר גיי ניט אויף די הענט,
קריך ניט אויף די גלייכע ווענט
און זיי אַ הונט מיט הינט צוגלייך!
וועסטו זען, אַז אפילו פאַר אַ כלב איז ניט שווער די הינטישע מלאכה!"

# די אינסטרומענטן אין ארקעסטער

אין אָרקעסטער, בעת דער פויזע,
האָבן אַלע אינסטרומענטן זיך צערעדט
— יעדער אויף זיין לשון —
און באַטראַכט די קענטעניש און מעלות
פון יעדן איינעם:
דאָס פידל — איידל מיט אַ קווימש,
דער סאַקסאָפאָן — צעגוידערט,
דער וויאָלאָנטשעל — לייטיש און באַלבאַטיש,
דער קאָנטראַבאַס — דער גראָבער יונג,
אפילו ס׳צימבל און די גרויסע קעסלפויק
דער מעשענער טראָמפּייט,
דער טראָמבאָן און די פלייט —
אַ קאַקאָפאָניע מיט דיסקוסיעס, רייד:
דער גרימפּלט, יענער קלינגט,
מען פויקט, מען גענבלט און מען פייפט —
יעדער וויל באַווייזן, וואָס ער איז, נאָר אויף אַן אַנדער טאָן.

„און דו? — אַנו באַווייז נאַר, וואָס דו קענסט! —
רופן אַלע מיט אַ מאָל זיך אָן
צום קאַפּעלמייסטער־שטעקל;
וואָס טוסטו דאָ צווישן אונדז, דו שטומע כּלי?
צו וואָס אַ שטייגער קען מען דיך באַדאַרפן?"
דאָס שטעקל שווייגט.
און פּלוצלינג קומט אַריין דער דיריגענט,
נעמט עס אין דער האַנט,
אַ קלאַפּ אויף דעם פּופּיטער — אַלע בלייבן שטום,
מיט דרך־ארץ צו דעם פּיצל האָלץ געווענדט,
און טוען ניט קיין פּיפּס, ביז יענער טוט אַ וואונק,
צעשפּרייט די הענט
און צייכנט מאָס און ריטם.
ערשט דאַמאָלס נעמען אַלע שפּילן,
אָנגעפירט פון קאַפּעלמייסטערס שטעקל.

# צווישן שאף

פון מיין וואַל שפּינט דער פּאַסטוך זיך אַ טוך
און דעקט דערמיט זיך יעדן אָוונט צו!
— אין מײַנער וואַרעמען זיך קליינע קינדער
ווי אין אַ נעסט, צו מאַמעס צוגעטוליעט!
— מיט מײַנער וועבן זיך די שענסטע שטאָפן
און שײַנע פרויען זענען שענער נאָך, אין זיי געצירט!
— און פון מײַנער ווערן טעפּיכער געמאַכט,
וואָס דעם מלכס פיס באַווייליקן צו טרעטן!"
אַזוי רימען זיך די יונגע שאָף.
נאָר אַן אַלטער באַראַן רופט זיך אָן:
„בהמות זענט איר אַלע!
מיט וואָס מישטיינס געזאָגט איר שטייט אין גרויסן!
וואָס איז אײַך די נפקא־מינא, וואָס מען טוט מיט אײַער וואָל,
ווער עס טראָגט זי — דער צי יענער?
דאָס וויכטיקסטע פאַר אײַך: איר ווערט געשוונדן;
הויל און נאַקעט שווידערט איר און ציטערט אינעם פראָסט!"

# דער העלפֿאַנט און דאָס ווערעמל

פֿאַר אַ ווערעמל אין גראָז
איז אַ העלפֿאַנט אַ פּאַרזוענישׁ — ניט מער,
און אַן אומגליק ניט קיין קליינס דערבײַ.
„וואו קען מען נעמען שפּייז דאָס צו דערנערן?
ס׳גאַנצע לעבן קען ניט זיין גענוג
פֿאַר איין מאָלצייט אַלץ צונויפֿצונעמען...
און זיכער מוז מען גראָבן טויזנט יאָר
אין דער ערד אַ נאָרע צו באַהאַלטן אַזאַ באַרג...
ערשט — דער כוח דאָס צו שלעפּן!
און ווי שווער מוז אָנקומען דער טויט!
ווי לאַנג מוז דויערן דאָס שטאַרבן!
זיכער קען ער ניט באַווייזן
אויסגיין, ווען עס איז נאָך שיין און וואַרעם,
נאָר מוז זיך מאַטערן אין פֿראָסט און שניי
פֿון לאַנגע קאַלטע ווינטערס!...
גאָט אין הימל, זיי געבענטשט:
באַשאַפֿן האָסטו מיך פּונקט ווי מען דאַרף!“

און איז אַוועק באַהאַלטן זיך אונטער אַ בלימל.

# דעם קאַטערס עק

טראַכט אַ קאַטערס עק:
„צוגעטשעפּעט זיך אַ שלאַק פון אַלע שלעק,
אַ פּירפּיסיק אומגליק! — אסור, אויב איך וויים
אַ נוצן פון אַ שפּרינגען, לויפן, כאַפּן מייז,
שלעפּן זיך אין קעלערן, אויף דעכער גאַנצע נעכט —
און מיך עק מיט! — אוי ביטער, שלעכט
אַזאַ מין שוואַרצער קאַטער!
גאַטעניו, ווי ווערט מען פון אים פּטור?“
טרעפט — אַז ער גייט אין קיך פאַרביי,
פאַלט אַ האַקמעסער אַרונטער. — „מיאַו!“ — אַ קוויטש, געשריי,

אַ שפּרונג אַהין, אַ שפּרונג אַהער —
מיטן קאָטער איז דער עק ניט מער,
ליגט פריי, פון קאָטער ענדלעך אָפּגעטיילט.
וואָס זשע איז געשען?
דער קאָטער האָט זיין הינטן אויסגעהיילט
און — כאָטש אָן אַן עק — געבליבן איז ער קאָטער ווי געווען.
דער עק פון קאָטער האָט פאַרענדיקט זיין קאַריערע אינעם מיסט.

פריינד! איידער דו באַקלאָגסט זיך דאָ אויף דעם צי דאָ אויף יענעם,
טראַכט אַ ביסל: ווער, וואו און וואָס דו ביסט!

# די רויז און דאָס בלימעלע

מיט חוזק קוקט אַ רויז
אויף דעם קליינעם אומבאַקאַנטן בלימעלע אַרונטער
וואָס בליט אין גראָז ביי איר צופוסנס:
„שלעפּערקע! וואָס טוסטו דאָ
און דווקא נעבן מיר?
וועלכער קבצן האָט דיין קערן דאָ אַהער געשליידערט?
מיינסטו, ווי אַ קורטיזאַנקע
נעבן קיניגינס פון קיניגס פּראַכט געניסן?
מיינסטו, מיט דיין אָרעם אויסזען
אונטערשטרייכן מיין באַרימטע שיינקייט?
ניט אויף אַ בייט אין גאָרטן איז דיין אָרט, מיין טייערע!
ביי אַ וואַנט,
נעבן אַ שטאַל,
צי פּראָסט אין פעלד, צווישן היי!“ —

און זי שמייכלט פול מיט שפּאָט — אַ שיינע דאָך!

דאָס בלימעלע,
באַשיידן — קוים עס קען
אַרויפשרייען דאָרט צו דער שטאָלצער דאַמע —
ענטפערט מיט עניוות:
„האָב ניט קיין פּאַראיבל, ליכטיקע פּרינצעסין!
מיין זוים, ווי דיינעם, האָט קיין גערטנערס האַנט דאָ ניט געלייגט;
מיך האָט דער ווינט מיט זיין קאַפּריז אַהער פאַרטראָגן
און איך שפּראָץ דאָ דורך אַ צופאַל.
נאָר איך קען דיר זאָגן:
דאָ צי ערגעץ אַנדערש — איז עס ניט די זעלבע ערד?
דאָ צי ערגעץ אַנדערש — איז עס ניט די זעלבע זון?
דאָ צי ערגעץ אַנדערש — איז עס ניט דער זעלבער רעגן?

טראַכט אַ ווײַלע און פֿאַרגעס ניט
(אויב אונטער דײַן קרוין איז נאָך פֿאַרהאַן אַ קאָרט פֿאַר שׂכל):
אַז דער זעלבער פֿרילינג וועקט אונדז אויף צום לעבן
און אין זעלבן ווינטער וועלן מיר אויך בײדע
פֿוילן אין דער זעלבער ערד.
וואָס זשע איז דײַן שטײַן אין גרויסן?"

דאָס בלימעלע איז זיכער קלוג, גערעכט;
אָבער רויזן זענען שטאָלץ און נאַריש.

# די ציבעלע

זאָגט אַ ציבעלע צום מעסער מיט אַ קרעכץ
וואָס שניידט זי אָן רחמנות:
„זעסט דעם מענטש? איך בין אים מוחל ס׳שלעכטס;
איך בין גערירט פון זיין געוויין!
ווער ווייסט?
עס פייניקט אים מיין ליב צו מוזן שניידן,
ער קען ניט זען, ווי איך מוז ליידן!
ווייזט אויס, דער מענטש איז גאָרניט אַזאַ שלעכטער.
אין גורל פון אַ ציבעלע איז דאָס אַ שטיקל טרייסט:
ניט ווערן אויפגעפרעסן מיט געלעכטער.
— גולם, מאַך זיך ניט צו נאַר:
מיטלייד פון אַ מענטש איז ניט געשטויגן ניט געפלויגן!
אויב דיך שניידן שאַפט אים צער,
איז עס נאָר דערפאַר,
וואָס זאַפט פון ציבעלעס אים רייצט די אויגן!“

# די גאָלדענע און די גענדזענע פעדער

**ווי** קומסטו זיך פאַרגלייכן גאָר
מיט מיר פעדער פונעם פיינסטן גאָלד,
דו — פּראָסטע זאַך,
אויסגעפליקטע פון אַ גענדזן־פליגל?
ווען איך הער דיך סקריפּען, טוט מיר ווי דאָס האַרץ!
כ'האָב רחמנות אויף דעם אָרעמען פּאַפּיר!
מישטיינס געזאָגט — וואָס קענסטו אַזוינס שרייבן נעבעך?
אַ שאָד:
דער מענטש, וואָס געפינט פאַר יעדער זאַך אַ נאָמען,
רופט אונדז ביידע „פעדער" אָן.
כ'בין ניט שטאָלץ מיט דיר!"

די גענדזן־פעדער שווייגט — זי קען די ווערט פון רייד,
זי ווייסט,
אַז פּוסטע גאווה טראָגט אויף זיך אַ גאָלדן מלבוש.
אַ פעדער —
איז עס מער ווי אַ שליח אין דער האַנט?
נאָר דער, וואָס שרייבט,
און דאָס, וואָס ווערט געשריבן, איז דער עיקר.

# די מאַלפּע און די זעג

זעט אַ מאַלפּע זעגן עמעצן אַ בוים,
צווייגן איינע נאָך דער צווייטער
און דעם שטאַם אויף קליינע שטיקער — און זי טראַכט:
„דאָס איז עס זיין וויסנשאַפט, דעם מענטשס,
וואָס האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן קנאַקער?
וועלכע מאַלפּע קען ניט טאָן דאָס זעלבע?“
און ווען יענער גייט אַ ווײַלע איבערבײַסן,
טוט זי פלינק אַ כאַפּ די זעג.
אַרויפצוקריכן אויף אַ בוים,
דאָס איז לײַכט —
ניט אמת?
באַלד אויף אַ דיקער צווייג באַזעצט,
נעמט זי פלייסיק זיך צו דער מלאכה.
„זעגן — אויך מיר אַ דערפינדונג פון אַ חכם!
שטופּ און שלעפּ — שטופּ און שלעפּ
און דאָס אײַזן קריכט אין האָלץ אַליין;

ס'זעגעכץ פאַלט אַרונטער ווי אַ שניי —
ס'איז שיין און פּראַקטיש. —
קומט, מאַלפּעס, זעט, ווי אייערס גלייכן איז אַ כוואַט!"
און זי זעגט און זעגט און זעגט —
און זעט ניט, אַז די צווייג וואָס זי דאָרט זעגט,
איז פּונקט די זעלבע, וואו זי זיצט.
פּלוצלינג: באַץ און טראַסק!
זי פאַלט אַרונטער מיט אַ קוויטשעריי
און צעברעכט זיך גוט די ביינער.
אָפּגעקוויטשעט — נעמט זי צריק די זעג,
קוקט און טראַכט און שאָקלט מיטן מאַלפּע־פּנים:
„עפּעס פעלט מיר נאָך אין פאַך!"

# דער יושר פֿון א העכט

ניט דאָרט געדאַכט, ניט דאָ געדאַכט,
וואָס זאָל איך לאַנג דאָ ברייען —
ס׳האָט מיט אַ פלאַטקע־פישעלע אַן אומגליק זיך געמאַכט:
אַריינגעפאַלן נעבעך אינעם פיסק פון שלייען.
שריי, כאַטש מאַך געוואַלדן —
דאָס פישל, מיט די ציין געהאַלטן,
דרייט אַהין זיך, דרייט אַהער —
ס׳איז ביטער שווער!
וואָס טוט מען דאָ? — ס׳איז שלעכט!
וואָס העלפט דאָ בעטן, שרייען?
ווענדט עס זיך צום אכזר:

„שטיי אַ ווײַלע!
אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, זאָלסט זיך באַקלערן:
מיט אומרעכט איינגעשלונגען —
וועסטו זיכער מיך ניט גוט פאַרדייען.
דיינס בין איך דאָך סיי ווי סיי.
הלמאי
ניט נאָכקוקן לויט דעם געזעץ,
צי מעג אַ פּלאַטקע פון אַ שלייען אויפגעפרעסן ווערן?
לאָמיר ווענדן זיך צום העכט:
ווי ער וועט אויסגעפינען, וועט זיין רעכט.“

טראַכט דער שלייען:
נאַ דיר גאָר אַ נייעם לץ!
שטאַרבן אויף אַ וועגטקע אָדער אין אַ נעץ —
ניט גלייכער זעטיקן אַ פיש אַן אייגענעם, ווי ער אַליין?
ווער קען די לאָגיק פון די פלאָטקע־פישלעך דען דערגיין?
פאַרשטיין, צי ניט פאַרשטיין —
„אויב דאָס איז דיין באַגער,
איז מילא — רוף דעם העכט אַהער!“
דער העכט
איז אַקוראַט געווען פאַרטאָן
אין שאַרפן זיך אַ צאָן.

ניכטער נאָך פֿון נעכטן אָן,
האָרכט ערביידנס טענות אוים מיט זין
און זאָגט:
„איך העכט געפֿין,
אַז אויב שוין פּסקענען פּונקט לויטן דין,
מוז איך פֿריר דאָס גוט צעקייען,
און דעריבער — "
טוט ער זיך אַ נעם,
אַ כאַפּ דאָ יענעם און אַ בים דאָ דעם,
שלינגט ביידע איין מיט אַפּעטיט
און לאָזט די גאַנצע מעשה אין דער מיט.

אַז ער וועט האָבן אַלץ צעקייט,
וועט מען וויסן, וואָס דאָס אַלץ באַטייט,
אָט טאַקע ווי אין פּסוק שטייט ;
און ווי איר זעט מיך לעבן,
כ'וועל דעם סוף פון משל
מיט גאָטס הילף אייך תיכף איבערגעבן.

## די נאַיווע רויז

אַיך שטאַרב פון דאָרשט —
זיפצט אַ היישעריק — כ׳גיי אוים!"
אַ רויז
מיט רחמנות שענקט דעם דאָרשטיקן
איר לעצטן טראָפּן טוי.
דער היישעריק
קומט צו די כוחות באַלד,
די רויז באַפאַלט,
און מיר ניט דיר ניט, אויף דער שנעל
מאַכט פון איר אַ תל.

אַזוי
איז אַלע מאָל מיר שיינט,
ווען דו ראַטעוועסט דיין פיינד.

# דער לייב אויף דער עלטער

א לייב אויף דר'עלטער, שוואַך און בלינד,
ניט האָבנדיק קיין קינד, קיין רינד,
אַריינגעפאַלן איז אין אַזאַ מין נויט,
כאָטש בעטל! פּגר! ווינטש אויף זיך דעם טויט!
אַ חזיר האָט זיך אויפֿן לייב דערבאַרעמט
(פּאָרט געווען אַ מאָל אַ האַר!):
„אדוני לייב, דו קום צו אונדז!
אַ ביסן ברויט, אַ נאַכט זיך דורכגעוואַרעמט
און דערצו — דו ועסט זיך פילן
ווי ביי דיר מיט אונדז אין איינעם!" —

וויינט דער לייב פּאַר שכנים:
„זיך נעבעך אויפגעאַרבעט, וויי און ווינד!
— נו, איז וואָס? — אים פרעגט דער פוקס,
אַבי מען לעבט!
— ניין, ברודער לעבן! איידער איך, אַ לייב,
זאָל שלעפּן זיך אין חזירישע בלאָטעס
און גריבלען זיך אין מיסט,
איז ליבערשט מיר דער טויט!
בעסער שטאַרבן שוין אַ הונגעריקער לייב,
איידער לעבן ווי אַ זאַטער חזיר!"

# די אומצופרידענע עופות

האָבן ווייסע גענדז און גאָנערישע העלדזער
זיך צעגרעגערט,
און אינדיקעס מיט רויטע פּיסקלעך
האָבן זיך צעגווידערט — האָלדער־האָלדער־האָלדער:
„ווי לאַנג, געוואַלד געשריגן,
וועט מען שעכטן עופות אָן אַ משפּט?
הינער, זעט נאָר אייער סוף:
פעטע יאַיכלעך מאַכט מען דאָך פון אייך
און קינדער קורטשאַקעס דערלעבן ניט צו ווערן גרויס:
מען פרעגלט זיי נאָך קליינערהייט!
לאָמיר לויפן!
לאָמיר רופן!
רייסן קברים!
פאַסטן, אַז מען דאַרף!“

„שאַט! שאַט!
דער קאַלעקוצקער האָן דער דעלעגאַט,
ער קומט נאָר וואָס פון אָקס,
דעם שטאַרקן פונעם הויף.“
„וואָס האָט ער געזאָגט?“ — „וואָס האָט ער געזאָגט?“
„קוקעריקו, קוקעריקו!
דער אָקס זאָל לעבן האָט באַטראַכט דעם ענין
און אויסגעפונען,
אַז אין ספרים הייליקע אַ רמז איז פאַרהאַנען:
אַז אונדזער סוף איז פאָרויס שוין באַשטימט;
אויב אויף דער וועלט
איז אַזאַ מין אָרדנונג איינגעשטעלט,
מסתם באַדאַרף אַזוי צו זיין —
און ס׳זינדיקט דער, וואָס וויל דאָס ניט פאַרשטיין!

מיר דאַרפֿן דינען אים אַלם שפּייז,
דעם מענטש, דעם האַר!
און דערפֿאַר
מיט גאָטס הילף אויף יענער וועלט באַלוינען
וועט מען אונדזערס גלייכן מיט גן־עדן.
דערווייל, רבותי, מוזן מיר דאָ ליידן,
שווייגן און ניט זינדיקן מיט רייד,
ביז ס'וועט קומען אונדזער צייט!
דער וועג אין הימל איז דעם שוחטס מעסער!
וואָס זשע ווילט איר בעסער,
ווען מענס שכר איז גרעסער:
דעמס,
וואָס יענע וועלט איז גליק,
צי יענעמס,
וואָס אויף אים וואַרט דאָס גיהנום?

גייט זשע, עופות, פיקן, קייען,
לאָזט זיך בינדן, שעכטן און פאַרדייען.
אין דעם זכות געהאָלפן וועט מען זיין!
אמן!"

אין דער צייט האָבן אָקסן שטיל געלאַכט
און געטראַכט:
„ווי לאַנג דער מענטש די עופות קייט,
לאָזט ער די בהמות לעבן נאָך אַ שטיקל צייט."

# די איינפאכע בלום און די רויז

שיינע רויז אין גאָרטן, רייכע שוועסטער מיינע!
ווען איך זע דיין פּראַכט,
דיין סאַמעט־צאַרטקייט,
דיין צעבליטע קרוין
אין גרינעם דעם בייט באַצירן,
בין איך דיך מקנא:
זע נאָר, ווי דיך האָט באַזאָרגט
מיט אַל דאָס גוטס דעם גערטנערס טרייע האַנט,
מיט פרישקייט יעדן אָוונט,
מיט שאָטנס קעגן זון אין הייסע טעג!
קיין ווערעמל, קיין ווינט חלילה
וועט קיין בלעטל דיר ניט טשעפּען,
אפילו קיין גוט־אויג!
און איך? — דו זע נאָר, סאַראַ פּנים
איך האָב אַקעגן דיר!

אויף אַלטע ווענט און שטיינער
דראַפּען זיך די דאַרע צווייגן מיינע
אין טריקעניש — פאַרחלשט,
פון טויזנט ווערעמדיקע לייט באַפאַלן!
דער ווינט —
ער פליקט און רייסט מיר שטיקער לעבעדיקערהייט!
און דאָס בליען מיינס —
מישטיינס געזאָגט! — פאַר וואָס? פאַר וועמען?
קיינער קומט מיין פרילינג ניט באַגריסן
חוץ די אַלט-באַקאַנטע בין,
וואָס ברענגט אַ מאָל אַ גרוס.
— שוועסטער מיינע, וויין ניט אויף דיין מזל;
ביסט דען כאָטש אַ מבין אויף דיין גליק?
מיר קעניגין פון גאָרטן —
פאַרבנפּראַכט פול איידעלע פאַרפומען —

וואָס טויג די שיינקייט מיר?
די סיבה איז זי פון מיין קורצן לעבן!
איך בלי און ציטער אינעם זונענשיין,
ווען עמעץ קומט באַוואונדערן מיין שיינקייט,
און צאַפּל: גייט מען מיך ניט רייסן?
געצערטלט און געהיטן אין פרימאָרגן —
מיין טויט געפין איך אָוונטצייט אויף עמעצם קלייד
צי אין אַ גלעזערנעם וואַזאָן.
מיין טייערע — דיין אָרעמקייט באַשיצט דיין לעבן:
ביסט פריי! דו בליסט פאַר דיר!
אַז אָך און וויי איז די,
וואָס בליען נאָר פאַר יענעם!״

# אַ וואָלף אַ בעל־תשובה

אַ וואָלף געוואָרן איז אַן אמתער בעל-תשובה.
מאַלע וואָס עס טרעפט זיך אויף דער וועלט,
פאַר וואָס זאָל אויך אַזוינס ניט טרעפן זיך אַ מאָל ?
אָפּגעשלאָגן זיך על-חטא, טוט ער אַ נדר :
ניט עסן מער קיין פלייש !
די בלויזע פאַרב פון בלוט
מאַכט אים פשוט איבלען.
ער נערט זיך בלויז מיט גראָז,
מיט פירות און מיט וואָרצלען
און פאַרטרינקט מיט וואַסער;
דאַוונט טריי,
טוט תפילה אויפריכטיק און פאַסט.
אין גאַנצן וואַלד
האָט זיין נייער רום מיט רושם זיך צעטראָגן :
„אַ צדיק !“

אַלע חיות, יונג און אַלט,
קינד און קייט,
פון נאָנט און ווייט,
לויפן זען דאָס וואונדער.
אָן אכזר — טשעפּעט ניט קיין פליג —
געוואָרן איז אַ גאַנצער „צער־בעלי־חיים“!
טאַקע נאָר אַ נס מן השמים.
ווען ניט אַ ביסל מורא אינעם הארץ,
די שאָף אַליין געלאָפן וואָלטן אין זיין נאָרע
נאָך אַ קוויטל, נאָך אַ ברכה, אַ גוט וואָרט.
דער וואָלף, ער טראַכט:
„יאָ, איך בין פרום,
איך האָב חרטה טויזנט מאָל אין טאָג אויף מיינע זינד —
וועט עס העלפן?“
ער דערמאָנט זיך אַלע מערדערייען פון אַ מאָל
און ער וויינט מיט טרערן אויפריכטיק און ביטער.

„דער מענטש —
שוין אַזוי לאַנג, ווי וועלף דערגייען אים די יאָרן!
ניט די מטאַדעס בלויז גערויבט, געממיתטט —
וויפל מאָל פלעגט ער דערשראָקן קוקן אינעם פענצטער
ווינטערצייט, ווען איך פלעג בלאָנדזשען נעבן הויז
און וואָיען מוראדיק צו דער לבנה!
כ׳וועל גיין צו אים אַליין מחילה בעטן.״
און טראָץ אַלע הינט און שטעקנס
שטעלט ער איין דאָס לעבן, קומט אין הויף,
פאַלט דעם פויער צו די פיס:
„אדוני מענטש, חטאתי! כ׳האָב געזינדיקט און כ׳בין גרייט
אָפּצוצאָלן מיט מיין לעבן, אויב דו ווילסט.
נעם מאַך מיט מיר, וואָס דיר זיך גלוסט:
שנייד אָפּ שטיקער, שינד די פעל!
אויב דיר איז ליב,
בין איך גרייט דיר דינען ווי אַ קנעכט.

היים נאָר און באַפעל,
כ'וועל טאָן וואָס דו פאַרלאַנגסט !"
דער מענטש
(דערמיט איז ער פון געטער אַנדערש)
האָט דאָס רוב רחמנות :
אויסגעהיילט די וואונד, פאַרגעסט ער לייכט דעם שטעקן —
טראַכט זיך :
פאַרט אַ וואָלף — און זיין אַזוי געפאַלן !
„גוט, איך בין דיר מוחל —
כ'וועל דיך נעמען פאַר אַ שומר אין מיין הויף.
גנבים פעלן ניט. דו היט מיין האָב און גוטס,
נאָר צוגעבונדן וועסטו זיין צו אָט דער קייט."
דער וואָלף לעקט די קייט :
„גאָט וועט דיר באַצאָלן פאַר דיין גוטסקייט !"
און כך הוה :
ווי אַ טרייער הונט

טוט דער וואָלף זיין פּליכט ; בילן קען ער ניט,
אָבער מיט איין בליק
דערזעט דער גנב גלייך,
מיט וועמען מ׳האָט צו טאָן.
די שכנים הינט
אין אָנהייב האָבן שטאַרק געוואָרטשעט
און געשטשירעט מיט די ציין,
אָבער —
דער בעל־הבית באַפעלט, מסתם איז אַזוי גוט;
האַלטן זיי די מאָרדע.
אַלע אַנדערע, אפילו שעפּעלעך אין הויף,
האָבן צוגעוואוינט זיך צו דעם נייעם גאַסט.
די מעשה האָט געדויערט טעג, חדשים, יאָרן —
אונדזער וואָלף האָט טריי געדינט;
מען האָט אים מער דעם נאָמען וואָלף אפילו ניט דערמאָנט,
„נעסטאָר“, ווי אַ הונט, האָט יעדער אים גערופן.

פּוכקע הענטעלעך פון קינדער
האָט יענער טריי געלעקט,
פּיצלעך ברויט געכאַפּט
פּונקט פון דער נאָז אַרונטער
און פרום הכנעהדיק די אויגן צוגעזשמורעט,
ווען עמעצנס אַ בליק פלעגט אים דערזען.
מען האָט די קייט אים אָפּגעבונדן פונעם האַלדז
און ער האָט אַלץ געפירט זיך, ווי מען דאַרף,
(אַז מען זאָגט: אַ ריכטיקער בעל־תשובה!)
אַזוי ברייט און אַזוי לאַנג —
מאַכט זיך איין מאָל, אַז דער הונט, וואָס היט די סטאַדע,
שלינגט אַראָפּ קאַפּויר אַ ביין און פגרט.
„מילא — זאָגט דער פּויער —
נעסטאָר וועט זיין אָרט פאַרנעמען.“
דאָס האָט אים פאַרלוירן;

יאָרן לאַנג געקוועטשט,
געשטיקט די וואָלפישע נאַטור,
האָט דער בעל־תשובה אינעם פרייען פעלד
ביים דרימלענדיקן פאַסטוך,
מיט אַזוי פיל שאָף אַרומגערינגלט,
ניט אויסגעהאַלטן דעם נסיון:
יענעם טאָג ביים ציילן האָבן צוויי געפעלט —
אַ פעטער באַראַן און דער וואָלף!

און שולדיק איז דערין געווען דער פויער.
אַ וואָלף איז דאָך אַ וואָלף און נאָר אַ וואָלף.

# דער קוכן

**ווי** געפעלט אייך אָט דאָס שטיין אין גרויסן
מיט זיין ווייסנשאַפט, מיט זיין געשמאַק?
דו ליאַדע לעקעך־בעקער! בנאמנות,
זיי אַ קנאַקער, נעם און באַק,
ווען איך מעל זאָל פונעם טייג ניט זיין דער עיקר!
— און אָן מיר? —
רופט מיט אַ זיסן שמייכל אוים דער צוקער.
— און וואו בין איך?
מישטיינס געזאָגט! איר זענט אַ מבין
פאַראַ טעם עם האָט געבעקס אָן הייוון?
— און ווער האָט נאָך ביז איצט דען ניט פאַרשטאַנען,
אַז דאָס פיינסטע אין דער ראַזשינקע איז נאָר פאַרהאַנען?
— זיכער! —
כאַפּן אַלע אונטער אינעם כאָר —
פון דעם אַ ביסל און פון יענעם גאָר אַ סך,
דאָ געכאַפּט און דאָ גענומען,
קען מען לייכט אַ וואוילע זאַך אַרויסבאַקומען
און אָנגיין פאַר אַ קינסטלער אינעם פאַך!"

יענער הערט געדולדיק אויס דאָס אַלעס
און רופט זיך אָן:
„באַזונדער האָט איר אַלע מעלות,
מען קען באַזונדער יעדן פון אייך ליבן,
קיינער זוכט ניט מינערן חלילה אייער ווערט;
פון דאָ גענומען, צי פון דאָרט —
אַ נפקא־מינא דען, פון וואַנען ס׳גוטע שטאַמט,
צי דער איז שענער אָדער מער באַטעמט?
איז אָבער אייך אַ מאָל באַשערט,
פון אַ בעקער זיין צונויפגעקליבן —
אין זיינע הענט צוזאַמען ווערט איר קוכן:
אַ נחת פאַרן אויג צו זען, מיין וואָרט,
און אַ מחיה צו פאַרזוכן!“

## א י נ ה אַ ל ט


פאָרוואָרט . . . . . . . . . . 11

דער וואָרעם אין כריין . . . . . . . 17

דער איידעלער חזיר . . . . . . . . 18

דער פוקס אין הינערשטייג . . . . . . . 21

די אויפגעקומענע קראָ . . . . . . . . 23

דער שעפּס און די צוויי וועלף . . . . . . 27

די מויז זידלט דעם לייב . . . . . . . 30

דעם מלכס פערד און דעם שמאַטע־קלייבערס שקאַפּע 32

דער הענערשער געדאַנק אין איי . . . . . . 34

דעם בעזעמס טרוים . . . . . . . . 36

דער לאַ־עליכמדיקער חזיר . . . . . . . 37

ביים שוחט . . . . . . . . . . 38

דער העכט און די מויז . . . . . . . . 40

מאַלפּעס . . . . . . . . . . . 43

דער וואָלף ביי דער שטאַל . . . . . . . 44

דער פודל . . . . . . . . . . 48

דער חלום פון אַ בלום . . . . . . . . 50

דאָס שעפּעלע און זיין בעל=טובה . . . . . . 52
דאָס זומער=פייגעלע . . . . . . . . 53
דער קוגל=שאַרבן און די פּאַטעלנע . . . . . . 56
דער עפּל און דער וואָרעם . . . . . . . 58
דאָס פּעקל און די שנור . . . . . . . 59
פּונק און פייערווערק . . . . . . . . 60
דער פויגלשער נשמהס טרייסט . . . . . . 62
די שוים . . . . . . . . . . 63
דער בעזעם און דאָס מיסט . . . . . . . 64
צווישן פלעשער . . . . . . . . . 66
דער שטיין און די ציטרין . . . . . . . 68
גערעכטיקייט פון שטאַרקע . . . . . . . 69
אין דער שטייג . . . . . . . . . 70
די שטאָלצע פּאַווע . . . . . . . . 72
צוויי הינט . . . . . . . . . . 74
די קאַץ און דער טאָפּ מילך . . . . . . . 76
די פּוטער און די מייז . . . . . . . . 77
דער טראָמבע=באַס . . . . . . . . 78
גאָטס באַשעפענישן קומען מאָנען גערעכטיקייט . . 80
דאָס פערד וואָס האָט פאַרשטעלט זיך פאַר אַ לייב . . 86
די פלייט . . . . . . . . . . . 89

| | |
|---|---|
| דעם בעטלערס טוך | 90 |
| אַן אויסטערלישע מעשה | 92 |
| דאָס שטיקל גלאָז און דער בריליאַנט | 94 |
| דער עפּלבוים | 95 |
| ערב יום־כּיפּור | 96 |
| דער דעמב און זיינע שכנים | 98 |
| דער פיש און דער פויגל | 100 |
| דער מוילוואָרף | 104 |
| צווישן ווערעם | 106 |
| מאָדערנע וועלף | 108 |
| די זויערע אוגערקע | 112 |
| די קראָ | 113 |
| די עכטע און די פאַלשע בלום | 114 |
| דער פויגל און דער פראָש | 116 |
| די ליאַנע | 118 |
| ביימער | 119 |
| דער האָן וואָס לערנט זיך זינגען | 124 |
| די מויז פאַרן לייב | 126 |
| צוויי שוואַלבן | 128 |
| פישלעך | 131 |
| דאָס פידל | 132 |

דער ווירטואָז . . . . . . . . . 134
דער מענטש מיטן בעזעם . . . . . . . 136
דער סאָלאָוויי . . . . . . . . . 137
די מויז אין געפאַר . . . . . . . . 140
דער בוים און זיין פרי . . . . . . . 142
דער בער און די יעגער . . . . . . . 143
דער הונט און דאָס פערד . . . . . . . 146
דעם כישוף־מאַכערס לערן־יינגל . . . . . . 148
דאָס קאַנאַריקל און די שוואַלב . . . . . . 152
די האַרפע און דאָס פידל . . . . . . . 154
צווישן הינט . . . . . . . . . 156
די אינסטרומענטן אין אָרקעסטער . . . . . 158
צווישן שאָף . . . . . . . . . 160
דער העלפאַנט און דאָס ווערעמל . . . . . 161
דעם קאָטערס עק . . . . . . . . . 162
די רויז און דאָס בלימעלע . . . . . . . 164
די ציבעלע . . . . . . . . . 167
די גאָלדענע און די גענדזענע פעדער . . . . . 168
די מאַלפע און די זעג . . . . . . . . 170
דער יושר פון אַ העכט . . . . . . . . 172
די נאַיווע רויז . . . . . . . . . 177

דער לייב אויף דער עלטער . . . . . . 178
די אומצופרידענע עופות . . . . . . . 180
די איינפאַכע בלום און די רויז . . . . . . 184
אַ וואָלף אַ בעל־תשובה . . . . . . . 187
דער קוכן . . . . . . . . . . . 194

פאַרענדיקט דעם דרוק דעם ערשטן
נאָוועמבער איין טויזנט ניין הונ־
דערט צוויי און פופציק אין דער
דרוקעריי פון י. שעכטער אין פאַריז